בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה

תש"פ

היכל הקודש

## צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

היכל הקודש וויליאמסבורג
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

היכל הקודש בארא פארק
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41st Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

היכל הקודש מאנסי
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

**צו הערן די הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:**

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

**חיזוק יומי**

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וִוי לַאנְג דַארְף נֶעמֶען דָאס דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית?........................... א

וִוי לַאנְג וֶועל אִיךְ נָאךְ דַארְפְן וַוארְטְן אוֹיף מַיין שִׁידוּךְ? .............. ב

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּרִיק צָאלְן פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים?................................................................ ד

אַ סְמַארְטְפָאוֹן אִיז טַאקֶע אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ? ............................ ה

וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר נֶעמֶען "הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב" פַאר אוּנְזֶער וֶועגְוַוייזֶער?............................................................ ז

וִוי אַזוֹי פַארְדֶערְעכְט מֶען דִי הַארְבֶּע עֲבֵידוֹת פוּן דִי יוּנְגֶע יָארְן?........ ח

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז מַיין מַאן זָאל אַהֵיימְקוּמֶען צַייטְלִיךְ?.....יא

קֵיינֶער דַארְף מִיר נִישְׁט, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?...........יד

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען טוֹישְׁן דִי שָׁלוֹם בַּיִת צוּם גוּטְן?..................... טז


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער ........................................... א

הִיט דַיינֶע אוֹיגְן וֶועסְטוּ נִישְׁט דַארְפְן לַיידְן.......................... א

דִי קִינְדֶער זָאלְן הָאבְן אַ גוּטֶע סְבִיבָה............................... ב

דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה וֶועסְטוּ קֶענֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען....................................................................ג

גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף דַיין וִוילְן. ......................................... ה

זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט גֵיין צוּ דִי בְּחִידוֹת. ............................ו

טַאטֶע אִין הִימְל הֶעלְף מִיר אַרוֹיס........................................ז

שֶׁעצְן דֶעם מַאן׳ס תּוֹרָה..........................................ט

אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵק מִיט אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן קָאפְּדְרֵייעֶנִישְׁן ................ט

נָאךְ קִינְדֶער בְּרֶענְגֶען נָאךְ פַּרְנָסָה אוּן שָׁלוֹם בַּיִת. ..................יב

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין נַ״ךְ ........................................יג

זַיין אָפְן אִיז דִי שְׁלִיסְל פַאר שָׁלוֹם בַּיִת.................................יד

וְוי אַזוֹי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן זִיךְ פִירְן אוּם יוֹם טוֹב פּוּרִים................. טו

אַ פְּרָאבְּלֶעמַאטִישֶׁער שְׁוֶוער וָואס שְׁטֶערְט דִי שָׁלוֹם בַּיִת.............. טז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווִי לַאנְג דַארְף גֶעמֶען דָאס דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וויפִיל צַייט דַארְף גֶעמֶען לְכָל הַפָּחוֹת דָאס דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית פוּן הוֹדוּ בִּיז שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה? אִיךְ רֶעד נִישְׁט פוּן כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט, נָאר פַאר אַרְבֵּייטֶערְס וָואס דַאוֶוענֶען מִיטְ'ן זִיבְּן אַזֵייגֶער מִנְיָן אִינְדֶערְפְרִי.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶוען מֶען דַאוֶוענְט בְּצִיבּוּר נִישְׁט אוֹיסְצוּצִיעֶן דָאס דַאוֶוענֶען כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט שְׁוֶוער מַאכְן פַארְ'ן עוֹלָם, אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶעפַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן נג, סְעִיף יא): "כָּל שֶׁמַּאֲרִיךְ בִּתְפִלָּתוֹ לֹא טוֹב עוֹשֶׂה, מִפְּנֵי טֹרַח הַצִּבּוּר", מֶען זָאל נִישְׁט אוֹיסְצִיעֶן דָאס דַאוֶוענֶען כְּדֵי נִישְׁט שְׁוֶוער צוּ מַאכְן פַארְ'ן עוֹלָם; וַוייל דָאס אִיז גוֹרֵם אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען, בִּפְרַט אִינְדֶערְפְרִי וֶוען מֶען יָאגְט זִיךְ צוּ גֵיין אַרְבֶּעטְן, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פָארְזִיכְטִיג נִישְׁט צוּ פֶּעְנְיֶעןּ אַז מֶען זָאל קֶענֶען גֵיין אַרְבֶּעטְן.

אוֹיךְ דֶערְצֵיילְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרָכוֹת לא.) אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא רַבִּי עֲקִיבָא, וֶוען עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט בְּיְחִידוּת הָאט עֶר גֶעדַאוֶוענְט זֵייעֶר לַאנְג אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט מִיטְ'ן עוֹלָם הָאט עֶר גֶעדַאוֶוענְט שְׁנֶעל נִישְׁט שְׁוֶוער צוּ

מַאכְן פַּארְ'ן צִיבּוּר; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז וֶוען מֶען דַאוֶוענְט זָאל מֶען נִישְׁט אוֹיסְצוּעֶן לֶענְגֶער כְּדֵי נִישְׁט שְׁוֶוער צוּ מַאכְן פַּארְ'ן עוֹלָם.

פוּן הוֹדוּ בִּיז בָּרְכוּ דַארְף נִישְׁט נֶעמֶען מֶער פוּן צֶען מִינוּט, אוּן פוּן בָּרְכוּ בִּיז שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה נֶעמְט נָאךְ פִּיר - פִינְף מִינוּט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווִי לַאנְג וֶועל אִיךְ נָאךְ דַארְפְן וַוארְטְן אוֹיף מַיין שִׁידוּךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם מוּז אִיךְ זָאגְן בְּאֱמֶת אַ גְרוֹיסְן יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע הֶערְלִיכֶע דְרָשׁוֹת, סַיי פַאר דִי בָּחוּרִים אוּן אוֹיךְ פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ, בִּפְרַט אִין אֱמוּנָה אוּן תְּפִלָּה, עֶס גֶעבְּט צוּ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חַיוּת אִין מַיין לֶעבְּן, אוּן אִיךְ קֶען קוֹים וַוארְטְן פַאר נָאךְ.

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל פוּן 19 יָאר, אוּן אִיךְ וַוארְט אוּן בֶּעט יֶעדְן טָאג פַאר מַיין שִׁידוּךְ. אִיךְ זָאג יֶעדְן טָאג דִי תְּפִלּוֹת פוּן מְצִיאַת הַזִּוּוּג, אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר זִיךְ צוּ הַאלְטְן שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, אָבֶּער אַסַאךְ מָאל גֵייט עֶס נִישְׁט. לְמָשָׁל וֶוען אִיךְ דַארְף גֵיין צוּ אַ חַבֶר'טֶעס חֲתוּנָה.

רוֹב פוּן מַיין קְלַאס זֶענֶען שוֹין כַּלּוֹת אָדֶער שוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט. עֶס אִיז נָאר דָא נָאךְ אַפָּאר מֵיידְלֶעךְ, אָבֶּער עֶס וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג פַאר זֵיי צוּ חֲתוּנָה הָאבְּן. מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז אִיךְ הָאבּ נָאךְ עֶטְלִיכֶע גֶעשְׁוְויסְטֶער הֶעכֶער מִיר אוּן גָארְנִישְׁט רוּקְט זִיךְ נִישְׁט בְּנוֹגֵעַ שִׁידוּכִים חוּץ דִי יָארְן. דֶערְפַאר אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער וֶוען אִיךְ דַארְף גֵיין צוּ אַ תְּנָאִים אָדֶער אַ חֲתוּנָה פוּן אַ חַבֶר'טֶע.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ מֶעג אַזוֹי טְרַאכְטְן, אָבֶּער אִיךְ פִּיל אַסַאךְ מָאל ווִי אֶפְשָׁר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְגֶעסְן פוּן מִיר, אוּן עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אָן אַז אִיךְ לַייד. אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק קֶענֶען פַארְגִינֶען אַ צְוֵוייטְן אָבֶּער אִיךְ פִּיל אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ, אִיךְ קוּם אָן צוּ אַ שִׂמְחָה מִיט אַ רִיזִיגֶע שְׁמֵייכְל אוּן אִיךְ טַאנְץ מִיט, אָבֶּער קֵיינֶער קֶען נִישְׁט חָלוֹמְ'עֶן וִויפִיל עֶס שְׁטֶעכְט מִיר אִינֶעוֵוינִיג, אַזוֹי וַוייט אַז אַסַאךְ מָאל מוּז אִיךְ אַרוֹיסְגֵיין אַבִּיסְל צוּ קֶענֶען אָטֶעמֶען.

עֶס קֶען נִישְׁט וַוייטֶער אַזוֹי אָנְגֵיין, אָבֶּער אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן. אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַן עֵצָה פַאר מִיר?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה׳ אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (פְּסִיקְתָּא דְּרַב כַּהֲנָא, הוּבָא בְּרַשׁ״י שְׁמוֹת יז, ח), אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען אַ וַוייטֶע וֶועג מִיט זַיין קִינְד, דָאס קִינְד הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ מֶער צוּ גֵיין הָאט אִים דֶער טַאטֶע גֶענוּמֶען אוֹיפְ׳ן אַקְסְל, אַזוֹי אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעגַאנְגֶען מִיטְ׳ן קִינְד אוֹיפְ׳ן פְּלֵייצֶע, גֵייעֶנְדִיג זֶעט דָאס קִינְד וִוי אֵיינֶער פַארְקוֹיפְט גֶעשְׁמַאקֶע עֶסְן, בֶּעט עֶר זַיין טַאטֶע עֶר זָאל אִים גֶעבְּן עֶסְן אוּן דֶער טַאטֶע הָאט אִים גֶעגֶעבְּן עֶסְן, גֵייעֶנְדִיג וַוייטֶער בֶּעט עֶר זַיין טַאטֶע אַז עֶר דַארְף טְרִינְקֶען אוּן דֶער טַאטֶע הָאט אִים גֶעקוֹיפְט אַ טְרִינְק, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען מִיט אַלֶעס וָואס דֶער קִינְד הָאט גֶעזֶען, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין טַאטֶע זָאל אִים דָאס קוֹיפְן אוּן דֶער טַאטֶע הָאט אִים אַלֶעס גֶעגֶעבְּן, גֵייעֶנְדִיג וַוייטֶער הָאט דָאס קִינְד גֶעזֶען אֵיינֶעם גֵיין אוּן הָאט יֶענֶעם גֶעפְרֶעגְט: ״הָאסְט אֶפְשָׁר גֶעזֶען מַיין טַאטֶע? אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וואוּ מַיין טַאטֶע אִיז!״ וֶוען דֶער טַאטֶע הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן דָאס קִינְד פוּן זַיין אַקְסְל, אִיז גֶעקוּמֶען אַ הוּנְט אוּן גֶעבִּיסְן דָאס קִינְד.

אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם, עֶר הָאט זֵיי גֶעוִויזְן דִי גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער, עֶר הָאט גֶעשְׁפָּאלְטְן דֶעם יַם, זֵיי גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן מָן פוּן הִימְל, דִי בְּרוּנֶעם וַואסֶער צוּ טְרִינְקֶען אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, בִּיז דִי אִידְן הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט (שְׁמוֹת יז, ז): ״הֲיֵשׁ ה׳ בְּקִרְבֵּנוּ?״ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט אוּנְז? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַארְגֶעסְן פוּן אוּנְז? גְלַייךְ הָאט פַּאסִירְט דִי פַּרְשָׁה מִיט עֲמָלֵק, וַיָּבֹא עֲמָלֵק – אוּן עֶר הָאט גֶעבִּיסְן דִי אִידְן.

אִיר טְרַאכְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַארְגֶעסְן פוּן אַייךְ? חַס וְשָׁלוֹם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן אַייךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְגֶעסְט נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן. וֶוער עֶס טְרֶעפְט שְׁנֶעל זַיין שִׁידוּךְ אוּן וֶוער עֶס טְרֶעפְט נִישְׁט גְלַייךְ זַיין שִׁידוּךְ – אַלֶעס

אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס, מִיר דַארְפְן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רעט): "אַז עֶס אִיז גָאר בִּיטֶער אִיז מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל", הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט: "ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְבַטֵל?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "מֶען פַארְמַאכְט דִי מוֹיל מִיט דִי אוֹיגְן, דָאס אִיז בִּיטוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; דָאס הֵייסְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְמַאכְט דִי מוֹיל - עֶר פְרֶעגְט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, עֶר פַארְמַאכְט דִי אוֹיגְן - עֶר ווִיל גָארְנִישְׁט זֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין, עֶר ווֵייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה אַז אַלֶעס וֶוערְט גוּט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט דִי יְשׁוּעָה וָואס עֶר דַארְף.

פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט, זַייטְס שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

...

## ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּרִיק צָאלְן פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים?

### שְׁאֵלָה

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה פוּן דִי שִׁיעוּרִים, מַיין פַּרְנָסָה הָאט זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְט, מַיין שָׁלוֹם בַּיִת אִיז בֶּעסֶער גֶעוָוארְן, אוּן מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט אַ דַאנְק דִי שִׁיעוּרִים.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען צוּרִיק צָאלְן פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, ה' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן אַדַאנְק דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דַארְפְסְטוּ דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר נָאךְ מֶענְטְשְׁן - זֵיי זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען הָאבְּן פוּן

דִי גוּטֶע לֶעבְּן.

עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ בַּאצָאלְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אוּן אַלֶעס אַוֶועק גֶעגֶעבְּן אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים, רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אוּנְז אִיבֶּער צוּ גֶעבְּן דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶועג, מֶען הָאט אִים גֶע'רוֹדְפְ'ט, אַלֶע הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיף אִים, אַלֶע הָאבְּן גֶערֶעדְט אוֹיף אִים, מֶען הָאט אִים אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין תְּפִיסָה - דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט פוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אַזוֹי אוֹיךְ מוֹהַרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַלֶעס אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פַאר אוּנְז, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין גוּטְ'ן טָאג אִין זַיין לֶעבְּן נָאר צוּלִיבּ דֶעם אַז מִיר זָאלְן וִויסְן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ, מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; וִוי אִיז שַׁיָיךְ צוּ בַּאצָאלְן? אַז מֶען בַּאקוּמְט לֶעבְּן אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ בַּאצָאלְן, מִיר קֶענֶען נָאר אֵיין זַאךְ טוּן: "וַוייטֶער גֵיין אִין דִי וֶועגְן, וַוייטֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט פַאר אַנְדֶערֶע".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ סְמַארְטְפָאוֹן אִיז טַאקֶע אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ?

### שְׁאֵלָה

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי וָואס הֶערְט דִי שִׁיעוּרִים, אוּן אִיךְ וִויל זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי חִינוּךְ אֶוְונְט שִׁיעוּר, וָואס דָארְט הָאט אִיר גֶעזִינְגֶען אַ לִיד פוּן אַ קִינְד וָואס זִינְגְט צוּ אִיר מַאמֶע אַז זִי זָאל נִישְׁט זַיין אַזוֹי סַאךְ פַארְנוּמֶען מִיט אִיר סְמַארְטְפָאוֹן, נָאר זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ אָפְּגֶעבְּן מִיט אִיר.

כָּאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' נִישְׁט קַיין סְמַארְטְפָאוֹן, אָבֶּער הַיינְט אִיז דָא אַזוֹיפִיל סָארְט הַאטְלֵיינְס פוּן מִשְׁפָּחָה, חַבֶרְ'טֶעס, אוּן נָאךְ, אוּן נֶעמְט אוֹיךְ אַוֶועק דִי אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן דֶער שִׁיעוּר מִיטְ'ן לִיד הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַסַאךְ חִיזוּק אַז אִיךְ זָאל אַלֶעס אָפְּלָאזְן אוּן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן בֶּעסֶער מִיט מַיינֶע קִינְדֶער.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה׳ אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מִיר הָאבְּן אִין אוּנְזֶער דוֹר אַ צָרָה וָואס הָאט שׁוֹין חָרוּב גֶעמַאכְט זֵייעֶר אַסַאךְ אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער, דָאס אִיז דֶער קְלֵיינֶער טֶעלֶעפָאן וְכַדוֹמֶה; מֶען קֶען הָאבְּן אַ קְלֵיינֶעם טֶעלֶעפָאן אוּן זֶען אִין דֶעם שְׁמוּץ פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט רַחְמָנָא לִצְּלָן, דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ גְרִינְגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אַרָאפּ וַוארְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, גְרִינְגֶערְהֵייט; אַנְשְׁטָאט דַארְפְן אַרְבֶּעטְן טָאג אוּן נַאכְט זֵיי צוּ שְׁלֶעפְן אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע פְּלֶעצֶער, הָאט עֶר הַיינְט אַ גְרִינְגֶע וֶועג, דֶער בָּחוּר אוּן מֵיידְל קוֹיפְט זִיךְ אַ סְמַארְטְפָאוֹן אָדֶער אַ טֶעבְּלֶעט וְכַדוֹמֶה לָזֶה, דַארְפְן זֵיי שׁוֹין אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט גֵיין, מֶען קֶען זִיצְן בַּיי זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּן זֶען אַלֶע שְׁמוּץ וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט רַחְמָנָא לִצְּלָן.

דֶער יֵצֶר הָרָע שְׁטֶעלְט אָן אַ זִיסֶע פָּנִים, דֶער טֶעלֶעפָאן זֶעט אוֹיס זֵייעֶר זִיס, זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק, דָאס אִיז אַ וֶועג וִוי אַזוֹי אַרַיין צוּ נַארְן מֶענְטְשְׁן, אַזוֹי וִוי מֶען שְׁטֶעלְט אַרָאפּ סַם פַאר מַייז, מֶען לֵייגְט אַרוֹיף אוֹיף דֶעם זִיסֶע זַאכְן אוּן דִי מַייז לֶעקְן דָאס אָפּ מִיט גְרוֹיס אַפֶּעטִיט אָבֶּער נָאכְדֶעם וֶוערְן זֵיי פַּאר׳סַמְ׳ט. אַזוֹי אִיז מִיט דִי אַלֶע כֵּלִים, עֶס זֶעט אוֹיס זִיס, עֶס זֶעט אוֹיס גֶעשְׁמַאק אוּן אָךְ אוּן וֵויי וֶוער עֶס וֶוערְט אַרַיין גֶעכַאפְּט אִין אִיר.

וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען אוֹיבֶּער חֲכָמִים זֵיי פַּארְשְׁטֵייעֶן אַז מֶען קֶען הָאבְּן אִין שְׁטוּבּ דִי כֵּלִים מִכֵּלִים שׁוֹנִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, בַּאצָאלְן נָאכְדֶעם זֵייעֶר טֵייעֶר, דִי כֵּלִים הָאבְּן שׁוֹין חָרוּב גֶעמַאכְט זֵייעֶר אַסַאךְ שְׁטוּבֶּער.

ווארוּיל אִיז דֶעם וָואס פָּאלְגְט וָואס צַדִּיקִים זָאגְן, מֶען נֶעמְט נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ דִי אַלֶע כֵּלִים אֲפִילוּ פַאר פַּרְנָסָה, דִי שְׁטוּבּ הַאלְט מֶען זוֹיבֶּער אוּן רֵיין פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועלְן זֵיי זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת בַּיי זֵייעֶרֶע קִינְדֶער.

...

## ווי אַזוֹי קֶענֶען מִיר נֶעמֶען "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב" פַאר אוּנְזֶער ווֶעגְווַייזֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶרְשְׁטְנְס אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע בְּרִיוו, נִיגוּנִים, און שִׁיעוּרִים, ווֶעלְכֶע הָאבְּן מַמָּשׁ אוֹיפְגֶעלָאכְטְן אוּנְזֶער שְׁטוּב, אִיךְ מִיט מַיין מַאן הַאלְטְן אַלֶעס מִיט, און דָאס גֶעבְּט אוּנְז אַ וֶועג אִין לֶעבְּן, מַיין מַאן הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז נָאר אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב אִיז דָא דֶער רִיכְטִיגֶער מְהַלֵּךְ פַאר אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב.

מִיר הָאבְּן אָבֶּער אַסַאךְ סְפֵיקוֹת און שְׁאֵלוֹת ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן בַּיי אַסַאךְ זַאכְן, און מִיר ווֵייסְן נִישְׁט ווִי אַזוֹי אָנְצוּקוּמֶען און צוּ קֶענֶען פְרֶעגְן אַלֶע אוּנְזֶערֶע שְׁאֵלוֹת. מִיר ווִילְן ווִיסְן ווִי אַזוֹי מִיר קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּנְז צוּ פִירְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן ווֶעג.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

ווִיסְן זָאלְט אִיר אַז נָאר דוּרְכְ'ן לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים קֶען מֶען הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת מִיטְ'ן רֶבִּי'ן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצב): "פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ", דִי פָּנִים, שֵׂכֶל און נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק גֶעפוּנְט זִיךְ אִין זַיינֶע סְפָרִים; אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים הָאט מֶען אַ גְלַייכְן וֶועג אִין לֶעבְּן, ווַייל אַלֶע רְפוּאוֹת, עֵצוֹת און סְגוּלוֹת לִיגְן אִין רֶבִּינְ'ס תּוֹרוֹת, אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט): "שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ", אַז מֶען קֶען ווערן אַן אֱמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה אַז מֶען לֶערְנְט זַיין סֵפֶר, לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, "וְאָמַר, שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ", וְאָמַר בְּזוּ הַלָּשׁוֹן: "סֶע ווֶעט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען"; ווֶער עֶס ווֶעט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת ווֶעט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן, עֶר ווֶעט ווערן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אַזוֹי אוֹיךְ אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם סֵפֶר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, זִיבֶּעצִיג טוֹיזְנְט בְּרִיוו, קֶען מֶען זֶען דִי גְלַייכֶע וֶועג אִין לֶעבְּן; מֶען וֵוייסְט בַּיי יֶעדֶע זַאךְ וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, וֶוער עֶס הָאט אַ פְּרַאגֶע קֶען זֶען אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל קְלָארֶע תְּשׁוּבוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזָאגְט אַז יֶעדֶער וָואס הָאט אַ שְׁאֵלָה זָאל עֶפֶענֶען אַן "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" וואוּ עֶר וֶועט טְרֶעפְן אַ תְּשׁוּבָה; דָאס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶה.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה"; יֶעדֶע בְּרִיוו אִיז שֵׂכֶל פַארְ'ן לֶעבְּן, יֶעדֶע בְּרִיוו אִיז שַׁיָיךְ פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ, פוּן יֶעדֶע בְּרִיוו קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען נָאךְ שֵׂכֶל פַארְ'ן לֶעבְּן. מַאכְט זִיךְ אַ שִׁיעוּר דֶערִין, יֶעדְן טָאג זָאלְט אִיר לֶערְנֶען אַפָּאר בְּרִיוו, אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן שְׁאֵלוֹת וֶועלְן אַייךְ פַארֶענְטְפֶערְט וֶוערְן; אַלֶעס וָואס שְׁטֵייט אִין דִי בְּרִיוו אִיז גֶענוּמֶען פוּן מוֹהֲרָא"ש, פוּן סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, עֶס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אַ שְׁפְּרַאךְ פַארְ'ן הַיינְטִיגְן דוֹר.

נָאר אַזוֹי וֶועט אִיר הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"ש הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט זִיךְ גֶעשְׁטוּפְּט דַוְקָא אָנְצוּכַאפְּן מוֹהֲרָא"שְ'ס הַאנְט בַּיים טַאנְצְן: "דוּ ווִילְסְט מִיר אָנְכַאפְּן? לֶערְן אֲשֶׁר בַּנַּחַל, אַזוֹי וֶועסְטוּ מִיר אָנְכַאפְּן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי פַארְרֶעכְט מֶען דִי הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת פוּן דִי יוּנְגֶע יָארְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

פַאר לַאנְגֶע יָארְן צוּרִיק, אַלְס יוּנְגֶער בָּחוּר, הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן אַסַאךְ עֲבֵירוֹת אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִצְלָן, בָּרוּךְ ה' אַז שׁוֹין פַאר אַסַאךְ יָארְן פִיר אִיךְ זִיךְ ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, מַיין שְׁאֵלָה אִיז אָבֶּער ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען פַארְרֶעכְטְן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן. ווַייל צַדִּיקִים הָאבְּן אוּנְז שׁוֹין גֶעזָאגְט אַז תַּעֲנִיתִים אִיז נִישְׁט דִי וֶועג צוּ פַארְרֶעכְטְן, וָואס אִיז יָא דִי וֶועג?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וויסְן זָאלְסְטוּ אַז דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן אִיז פוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אֶבֶן הָעֵזֶר סִימָן כג, סְעִיף א): "אָסוּר לְהוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה. וְעָוֹן זֶה חָמוּר מִכָּל עֲבֵרוֹת שֶׁבַּתּוֹרָה", דִי עֲבֵירָה אִיז הַארְבֶּער פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּן דִי תּוֹרָה; אוֹיךְ זֶעעֶן מִיר וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה יג:): "כָּל הַמּוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה חַיָּיב מִיתָה", וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, אִיז חַיָּיב מִיתָה, "רַבִּי יִצְחָק וְרַבִּי אַמִּי אָמְרֵי, כְּאִילוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים", רֶבִּי יִצְחָק אוּן רֶבִּי אַמִּי זָאגְן, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי אֵיינֶער אִיז עוֹבֵר אוֹיף רְצִיחָה אוּן שְׁפִיכַת דָּמִים, "רַב אַסִּי אָמַר, כְּאִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים", רַב אַסִּי זָאגְט, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה רַחְמָנָא לִצְלָן.

אַז מֶען טוּט נִישְׁט תְּשׁוּבָה אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, וַוייל וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט בְּלַייבְּן דִי אַלֶע וְכוּ' צוּגֶעטְשֶׁעפֶּעט צוּ אִים, זֵיי לָאזְן אִים נִישְׁט אָפּ אוּן זֵיי בַּאגְלֵייטְן אִים זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, בִּיז צוּם קֶבֶר. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קמא): "כְּשֶׁנִּפְטָר הָאָדָם הֵם הוֹלְכִים אַחַר הַמִּטָּה", וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט דֶעמָאלְט קוּמֶען אַלֶע קְלִפּוֹת אוּן מַזִּיקִים וָואס זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן דִי עֲבֵירָה אוּן זֵיי בַּאגְלֵייטְן אִים, "וּמְקוֹנְנִים עָלָיו, כְּמוֹ בָּנָיו מַמָּשׁ מִמִּין אָדָם", זֵיי קְלָאגְן אוֹיפְ'ן נִפְטָר אַזוֹי וִוי דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, "רַחֲמָנָא לִצְלָן מֵעֳנָשִׁים הַלָּלוּ, כַּיָּדוּעַ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אָפְּהִיטְן פוּן אַזֶעלְכֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע עוֹנְשִׁים, עַיֵּין שָׁם.

וֵויי אוּן בִּיטֶער אִיז פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר רַייסְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (וַיְחִי ריט:): "לֵית לָךְ חוֹבָא בְּעָלְמָא דְּלָא אִית לֵיהּ תְּשׁוּבָה", עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין עֲבֵירָה וָואס עֶס הֶעלְפְּט נִישְׁט דֶערוֹיף קַיין תְּשׁוּבָה, "בַּר מֵהַאי", אוֹיסֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, אוֹיף דֶעם הֶעלְפְּט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, "וְלֵית לָךְ לְחַיָּיבָא דְּלָא חֲמָאָן אַפֵּי שְׁכִינְתָּא", אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין זִינְדִיגֶער מֶענְטְשׁ וָואס וֶועט נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "בַּר מֵהַאי", נָאר וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית; אַזוֹי הַארְבּ אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְזֶער דוֹר אוּן אַרָאפּ גֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְ'ס נְשָׁמָה אוֹיף דִי וֶועלְט, וָואס עֶר הֵייבְּט אוֹיף אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, אוּן דוּרְךְ זַיינֶע עֵצוֹת בְּרֶענְגְט עֶר זֵיי אַלֶע צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עא): "קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פְּשַׁט אִין דֶעם זוֹהַר וָואס זָאגְט (וַיֵּשֶׁב קפח.; וַיְחִי ריט.) אַז אוֹיבּ מֶען זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית הֶעלְפְט נִישְׁט קֵיין תְּשׁוּבָה; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: נָאר אִיךְ פַארְשְׁטֵיי פְּשַׁט אִין דֶעם זוֹהַר אוּן אִיךְ זָאג אַז עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה, אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט מִיט דִי עֲבֵירָה".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה וָואס רוּפְט זִיךְ 'הִתְבּוֹדְדוּת'; אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף זַיין מַאמֶע לָשׁוֹן. מֶען זָאל גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער גֶעפוּנְט זִיךְ נִישְׁט דָארְט אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ; אַ מֶענְטְשׁ זָאל דֶערְצֵיילְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וואוּ דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אִים אַלְץ אַרָאפּ, אוּן אַז ווִיפִיל מָאל עֶר מַאכְט שׁוֹין אָפּ אַז עֶר גֵייט זַיין גוּט, פַאלְט עֶר נָאכְאַמָאל צוּרִיק אַרַיין אִין דִי עֲבֵירָה. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ אַזוֹי, נֶעמְט דָאס אַרָאפּ פוּן אִים אַלֶע עוֹנְשִׁים אוּן דִינִים.

דֶערְפַאר, אַז דוּ ווִילְסְט בֶּאֱמֶת פַארֶענְטְן דַיינֶע חַטָּאוֹת נְעוּרִים פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן, זוּךְ דִיר אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ אַהִינְגֵיין זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִיר, אוּן ווִי עֶר וַוארְפְט דִיר אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּן דִי עֲבֵירָה אַז עֶס אִיז מִיר שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אַרוֹיס צוּ רַייסְן דֶערְפוּן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן, אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט, דִי תַּאֲוֹת נִאוּף פְלַאקֶערְט אִין מִיר, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶוע מִיר! אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעקְלַאפְּט. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ

אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל פַארְעֶכְטְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים מַיינֶע וָואס אִיךְ הָאבּ פּוֹגֵם גֶעוֶוען דִי אַלֶע יָארְן", אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן אוּן גָארְנִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן אִים, וֶועסְטוּ סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵייְן פוּן דַיין פְּלָאנְטֶער וואו דוּ לִיגְסְט.

אַנְשְׁטָאט פַאסְטְן זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת; יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - דָאךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, דָאס וֶועט דִיר אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דַיין בְּלָאטֶע, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִלּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת, "אַף־עַל־פִּי־כֵן הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל־כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ - יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה, עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ" וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵייְן פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס; וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהֶערְט דִי שִׂיחָה, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן? הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז?! תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס לִיגְט נֶעבֶּעךְ אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ וֶועט עֶר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ' וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

**ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז מַיין מַאן זָאל אַהֵיימְקוּמֶען צַייטְלִיךְ?**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע אַייעֶרֶע חִיזוּק אוּן עֵצוֹת.

איך בין אַ פְרוֹי, אַ מַאמֶע פוּן פִיר פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער, דֶער עֶלְטְסְטֶער אִיז נָאכְנִישְׁט פִיר יָאר אַלְט, אוּן אֵיינֶע פוּן זֵיי אִיז לֵיידֶער נִישְׁט גֶעזוּנְט ל"ע. מַיין מַאן בְּרֶענְגְט ב"ה פַּרְנָסָה אִין שְׁטוּב, אוּן אַלֶעס פָּארְט מִיט אַ סֵדֶר ב"ה.

מַיין מַאנְ'ס אַרְבֶּעטְס פְּלַאץ אִיז נִישְׁט צוּ וַוייט פוּן אוּנְזֶער הוֹיז, אוּמְגֶעפֶער אַ פוּפְצֶן מִינוּט צוּ שְׁפַּאצִירְן, עֶר הָאט אָבֶּער אַ אִיד וָואס אַרְבֶּעט מִיט אִים וָואס קֶען אִים אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען מִיט זַיין קַאר אַ שָׁעָה שְׁפֶּעטֶער פוּן וֶוען עֶר דַארְף אַהֵיימְקוּמֶען, אוּן מַיין מַאן כַאפְּט זִיךְ כְּסֵדֶר צוּ צוּ דֶעם, אוּן עֶר וַוארְט אַן אִיבֶּעריגֶע שָׁעָה בַּיי דִי אַרְבֶּעט, צוּ קֶענֶען קוּמֶען מִיט דִי קַאר.

איך וֶוער מַמָּשׁ צֶערִיסְן אוֹיף שְׁטִיקֶער אִינְדֶערְהֵיים, אִיךְ דַארְף לוֹיפְן פוּן אֵיין קִינְד צוּם צְוֵוייטְן דִי גַאנְצֶע צַייט, אוּן אִיךְ וַוארְט שׁוֹין קוֹים אַז עֶר זָאל אַהֵיימְקוּמֶען פוּן דִי אַרְבֶּעט אוּן צוּלֵייגְן אַבִּיסְל אַ הַאנְט, אָבֶּער כִּמְעַט יֶעדְן טָאג קוּמְט עֶר אָן אַ שָׁעָה שְׁפֶּעטֶער, מִיטְ'ן זֶעלְבְּן תֵּירוּץ אַז עֶר הָאט גֶעוַוארְט פַאר דִי קַאר.

איך הָאב ב"ה גוּטְהַארְצִיגֶע שְׁכֵנִים וָואס לֵייגְן צוּ אַ הַאנְט אַבִּיסְל, אָבֶּער רוֹב צַייט דַארְף אִיךְ אַלֵיין זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק וֵויי אַז מַיין מַאן פַארְשְׁטֵייט אֲפִילוּ נִישְׁט וִוי שְׁוֶוער אִיךְ אַרְבֶּעט מִיט דִי קִינְדֶער, עֶר הַאלְט אַז אִיךְ טְרַייבּ אִיבֶּער אוּן עֶס אִיז בֶּאֱמֶת נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ אַז אִיךְ שְׁטְרֶענְג זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אִיבֶּער אִינְדֶערְהֵיים.

איך הָאב אִים שׁוֹין גֶעבֶּעטְן מִיט גוּטְנְס אוּן מִיט טְרֶערְן, אָבֶּער עֶס בְּלַייבְּט וַוייטֶער בַּיים אַלְטְן. אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט הָאבְּן אַן עֵצָה פַאר מִיר.

יְיִשַׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

**אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**אַ פְרוֹי אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ אַ רָב פַארְלַאנְגֶען אַ גֶט, זִי ווִיל זִיךְ גֶטְ'ן פוּן אִיר מַאן; הָאט דֶער רָב אִיר גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס זִי ווִיל זִיךְ גֶטְ'ן פוּן אִים, הָאט זִי גֶעזָאגְט: "מַיין מַאן קוּמְט אַהֵיים זֵייעֶר שְׁפֶּעט, אִיךְ דַארְף אַלֵיינְס זַיין מִיט דִי קִינְדֶער, אִיךְ הָאב שׁוֹין אַלֶעס פְּרוּבִּירְט אָבֶּער עֶס הֶעלְפְט גָארְנִישְׁט, אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט אַזוֹי אָנְגֵיין, אִיךְ ווִיל אַ גֶט", זָאגְט אִיר דֶער רָב מִיט גְרוֹיס חָכְמָה: "אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ גֶטְ'ן וֶועט עֶר נִישְׁט אַהֵיים קוּמֶען פְרִיעֶר, עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן".**

**דִי מַעֲשֶׂה זֶעט אוֹיס ווִי אַ ווִיץ אָבֶּער אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין לִיגְט אִין דֶעם**

זַייעֶר אַ טִיפֶע חָכְמָה, אַ מֶענְטְש וויל אַנְטְלוֹיפְן פון זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען לויפְט עֶר אַרַיין אִין טִיפֶערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען. אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער וֶוען דֶער מַאן קוּמְט אַהֵיים שְׁפֶּעט וֶועט דָאךְ זִיכֶער זַיין שְׁוֶוערֶער וֶוען עֶס וֶועט בִּכְלַל נִישְׁט זַיין קַיין טַאטֶע אִין שְׁטוּב, אַז יֶעצְט אִיז שְׁוֶוער מִיט דִי קִינְדֶער און דִי ווִירְטְשַׁאפְט אַז עֶר קוּמְט אַהֵיים שְׁפֶּעט, וָואס וֶועט זַיין אָן אַ מַאן, אָן אַ טַאטֶע? וֶועט דָאךְ זַיין גָאר בִּיטֶער.

אַז אִיר ווִילְט טַאקֶע אַן עֵצָה זָאלְט אִיר אַרַיין נֶעמֶען בַּיי זִיךְ וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אוּנְז, מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם סוֹד וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן אַ גוּט לֶעבְּן, דֶער סוֹד פוּן הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן אִיז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג הַאלְטְן קָאפּ און זוכְן צוּ "זַיין קְלוּג, נִישְׁט גֶערֶעכְט"; דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן הַצְלָחָה - נִישְׁט זוכְן צוּ זַיין גֶערֶעכְט נָאר זוכְן וִוי מֶען קֶען זַיין קְלוּג. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יד, א): "חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ", אַ קְלוּגֶע פְרוֹי בּוֹיט אוֹיף אִיר הוֹיז, "וְאִוֶּלֶת בְּיָדֶיהָ תֶהֶרְסֶנּוּ", און אַ נַארִישֶׁע פְרוֹי צֶעבְּרֶעכְט עֶס מִיט אִירֶע אֵייגֶענֶע הֶענְט.

וֶוען מֶען הֶערְט אַייעֶר זַייט וָואס אִיר דֶערְצֵיילְט זֶענְט אִיר הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גֶערֶעכְט, אָבֶער דָא דַארְף מֶען אַבִּיסְל חָכְמָה, אַבִּיסְל שֵׂכֶל; אַז אִיר וֶועט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַייעֶר מַאן, אִיר וֶועט אִים אָפְּעָנטְפֶערְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל און אִים אוֹיפְנֶעמֶען וַוארֶעם וְכוּ', וֶועט אִיר זֶען וִוי עֶס וֶועט זִיךְ טוּישְׁן, סַיי בַּיי אַייךְ און סַיי בַּיי אִים, קוֹדֶם בַּיי אַייךְ וֶועט זִיךְ טוּישְׁן אַז אִיר וֶועט נִישְׁט זַיין בְּכַעַס, אִיר וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיף דָאס בִּיסְל וָואס עֶר אִיז יָא אִין שְׁטוּב, און בַּיי אִים וֶועט זִיךְ אוֹיךְ טוּישְׁן, עֶר וֶועט לִיבּ הָאבְּן אַהֵיים צוּ קוּמֶען, עֶר וֶועט אַהֵיים קוּמֶען גְלַייךְ נָאךְ אַרְבֶּעט.

עֶס וֶועט אַייךְ זַיין זַייעֶר שְׁוֶוער דָאס צוּ טוּן, בִּפְרַט וֶוען אִיר הָאט שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט אִין אַייעֶר הַארְץ אַנְטְקֶעגְן אִים וְכוּ', וְכוּ'; מִיט דֶעם אַלֶעם בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, אִיר פוּן אַייעֶר זַייט זָאלְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִים, זַייט וַוייטֶער וַוארֶעם צוּ אִים און וַוארְטְס אִים אָפּ מִיט אַ שְׁמֵייכְל וְכוּ'. אַ קְלוּגֶע פְרוֹי הָאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְצוּדְרֵייעֶן אִיר מַאן לְטוֹבָה; אִיךְ בֶּעט אַייךְ, וַוארְטְס אוֹיס אוֹיף אַ יְשׁוּעָה און אַנְטְלוֹיפְטְס נִישְׁט. עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חָכְמָה צוּ צֶעבְּרֶעכְן אַ שְׁטוּב וֶוען מֶען קֶען עֶס נָאךְ רַאטֶעוֶוען.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כז, יט): "כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים, כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם", אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען קוּקְט אִין וַואסֶער זֶעט מֶען זִיךְ - וֶוען מֶען שְׁמֵייכְלְט זֶעט מֶען אַ שְׁמֵייכְל און וֶוען מֶען אִיז זוֹיעֶר זֶעט מֶען אַ זוֹיעֶרֶע בִּילְד; אַזוֹי אִיז אַ מֶענְטְש צוּם

חַבֵר - וָועְן מֶען שְׁמֵייכְלְט שְׁמֵייכְלְט יֶענֶער צוּרִיק אוּן וָועְן מֶען אִיז שְׁלֶעכְט, אִיז יֶענֶער שְׁלֶעכְט צוּרִיק צוּ דִיר. גֶעדֶענְקְט, דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אַזוֹי וִוי אַ 'שְׁפִּיגְל', אוֹיבּ מֶען שְׁמֵייכְלְט צוּ אַ 'שְׁפִּיגְל', וֶועט מֶען וִוי אֵיינֶער שְׁמֵייכְלְט צוּרִיק אוּן אוֹיבּ מֶען וַוייזְט אַ זוֹיעֶרֶע פָּנִים וַוייזְט יֶענֶער צוּרִיק אַ זוֹיעֶרֶע פָּנִים. דֶערְפַאר, זוּכְט נִישְׁט צוּ זַיין גֶערֶעכְט, נָאר הַאלְטְס פַאר אַייעֶרֶע אוֹיגְן דִי וֶוערְטֶער: "זַיי קְלוּג, נִישְׁט גֶערֶעכְט", אִיר זָאלְט זַיין דֶער וָואס בֶּעט אִיבֶּער אוּן רֶעדְט שֵׁיין.

קֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ קֵיין קְרִיטִיק - בִּפְרַט קְרִיטִיק פוּן דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ; אַז אִיר וֶועט שְׁרֵייעֶן אוֹיף אַייעֶר מַאן וֶועט אִיר גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּן, אִיר וֶועט נָאר עֶרְגֶער מַאכְן, וַוייל דִי נַאטוּר פוּן אַ מַאן אִיז אַז עֶר הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס, מֶענֶער הָאבְּן לִיבּ צוּ זַיין דִי בַּעֲלֵי בָּתִּים וְכוּ', זֵיי ווִילְן נִישְׁט אַז דִי וַוייבּ זָאל זֵיי אַרַיין זָאגְן וְכוּ' וְכוּ'; דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר רֶעדְן צוּ אַייעֶר מַאן שֵׁיינֶערְהֵייט, גֶעבְּט אִים דֶעם כָּבוֹד, נִישְׁט מִיט אַ נֶערְוֶועזְקֵייט אוּן גֶערֶעגְטְקֵייט, אַזוֹי וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי טו, א): "מַעֲנֶה רַךְ, יָשִׁיב חֵמָה", אֵיינֶער וָואס רֶעדְט שֵׁיין אוּן אֵיידְל נֶעמְט אַוֶועק צָארְן; אַז אִיר וֶועט שְׁרֵייעֶן אוֹיף אַייעֶר מַאן וֶועט אִיר גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּן, עֶר וֶועט נִישְׁט צוּהֶערְן וָואס אִיר זָאגְט, עֶר וֶועט זִיךְ נָאר אוֹיפְרֶעגְן אוּן צוּרִיק שְׁרֵייעֶן, אוּן עֶס קֶען נָאךְ גֵיין וַוייטֶער, אַז עֶר וֶועט אָנְהוֹיבְּן שֶׁעלְטְן אָדֶער גָאר הֵייבְּן הֶענְט.

אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר הָאט שׁוֹין פְּרוּבִּירְט מִיט שֵׁיינֶעם; עֶס אִיז שְׁוֶוער אָנְצוּנֶעמֶען אַז עֶס אִיז וָואר וָואס אִיר זָאגְט וַוייל מִיט שֵׁיינֶעם פּוֹעֶל'ט מֶען, קֶען זַיין אַז אִיר הָאט פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן שֵׁיין אָבֶּער אָן סַבְלָנוּת, אָן גֶעדוּלְד, וַוייל וָועְן מֶען רֶעדְט שֵׁיין אוּן מֶען הָאט גֶעדוּלְד קֶען מֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דֶעם שְׁוֶוערְסְטְן נַאטוּר, מֶען קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דֶעם שְׁוֶוערְסְטְן מֶענְטְשׁ אִים צוּ מַאכְן גוּט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קֵיינֶער דַארְף מִיר נִישְׁט, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?

### שְׁאֵלָה

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ שְׁפִּיר אַז קֵיינֶער דַארְף מִיר נִישְׁט, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַלֵיין, אוּן אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קֵיין כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר מְחַזֵּק זַיין?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ שְׁרַייבְּסְט: "קֵיינֶער דַארְף מִיר נִישְׁט" אוּן דוּ בִּיסְט זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן דֶערְפוּן.

לָאמִיר זָאגְן עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי, קֵיינֶער דַארְף דִיר נִישְׁט הָאבְּן, אָבֶּער פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ זַיין צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיר יָא אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיר הָאבְּן דַארְפְסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט; וַוייל וָואס נָאךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ? נָאר אֵיין זַאךְ, עֶר זָאל שְׁפִּירְן ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים, מֶער פוּן דֶעם אִיז נִישְׁט דָא, מֶער פוּן דֶעם דַארְף נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ.

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף לֶעבְּן מִיט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶר זָאל שְׁפִּירְן ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים, עֶס זָאל אִים נִישְׁט אָנְגֵיין קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, דִי גַאנְצֶע חַיּוּת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין פוּן דֶעם אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן עֶר אִיז מְחַיֶּ' דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַלֶעס אִיז עֶר אוּן עֶר אִיז אַלֶעס; דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה: "הִתְבּוֹדְדוּת", אַ מֶענְטְשׁ זָאל גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ע) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל אוּן שְׁטֵייט קֶעגְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר רֶעדְט.

לֶעבּ מִיט דִי עֵצָה וֶועסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁפִּירְן ווִי דוּ בִּיסְט אֵיינֶער אַלֵיין.

...

## ווי אַזוֹי קֶען מֶען טוּישְׁן דִי שָׁלוֹם בַּיִת צוּם גוּטְן?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט מִיטְטֵיילְן דֶעם גְרוֹיסְן נֵס וָואס הָאט פַּאסִירְט אִין מַיין לֶעבְּן. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר אַ שֵׁיינֶע פָּאר יָאר צוּרִיק, אוּן פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַסַאךְ שְׁוֶועריגְקֵייטְן מִיט מַיין מַאן. אִיךְ הָאבּ גֶעפִילְט אַז עֶס אִיז מִיר בַּאשֶׁערְט צוּ לֶעבְּן מִיט אַ מַאן וָואס אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין מִיר אוּן הָאט מִיר נִישְׁט צוּ שְׁטַארְק לִיבּ, עֶר הָאט בֶּעסֶער לִיבּ גֶעהַאט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט חוּץ מִיר.

דֶער מַצָּב פוּן מַיין שָׁלוֹם בַּיִת הָאט מִיר שְׁרֶעקְלִיךְ גֶעשְׁטֶערְט, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעשְׁפִּירְט ווִי עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא צוּ טוּן דֶערְצוּ, אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע צַייטְן, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ דַארְף פְּשׁוּט שָׁלוֹם מַאכְן מִיט דִי מַצָּב. עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהוֹיבְן אַ פִינְגֶער מִיר צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ, קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען מִיר מְחַזֵּק צוּ זַיין, אִיךְ וָואלְט שׁוֹין לַאנְג אַהֵיימְגֶעלָאפְן צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אָבֶּער בָּרוּךְ ה' אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעקוּמֶען פוּן צוּ אַ גֶעזוּנְטֶע שְׁטוּבּ, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ בִּכְלַל קֵיינְמָאל גֶעטְרַאכְט פוּן אַהֵיים גֵיין, וַוייל דָארְט הָאט מֶען מִיר זֵייעֶר צוּקְלַאפְּט.

בִּיז אֵיין טָאג וֶוען עֶס אִיז גֶעשֶׁען דֶער גְרוֹיסֶער נֵס אַז אִיךְ אוּן מַיין מַאן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, אוּנְזֶער גַאנְצֶע לֶעבְּן הָאט זִיךְ מַמָּשׁ גֶעטוֹישְׁט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶענוּג וֶוערְטֶער עֶס אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן. מַיין מַאן הָאט זִיךְ פְּלוּצְלִינְג אָנְגֶעהוֹיבְּן אִינְטֶערֶעסִירְן אוּן טְרַאכְטְן וֶועגְן מִיר, עֶר רֶעדְט שֵׁיין צוּ מִיר, עֶר הָאט מִיר לִיבּ, אוּן עֶר הָאט מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶעלְפְן אִינְדֶערְהֵיים.

עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען מַמָּשׁ ווִי אַ חָלוֹם, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט גְלוֹיבְּן מַיינֶע אוֹיגְן, אָבֶּער עֶס אִיז דָאךְ אַ פַאקְט, עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ רִיזִיגֶער נֵס, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ ווִי נָאכְאַמָאל חֲתוּנָה גֶעהַאט, מִיר זֶענֶען בֵּיידֶע צְוֵויי נַייעֶ מֶענְטְשְׁן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ, רֹאשׁ יְשִׁיבָה, פַאר דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים וָואס הָאט גֶערַאטֶעוֶועט אוּנְזֶער לֶעבְּן, אִיךְ פִיל זִיךְ גְלִיקְלִיךְ אוּן אוֹיסְגֶעהֵיילְט מִיט דִי אַלֶע זִיסֶע עֵצוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אֵייךְ גֶעבְּן כֹּחַ אוֹיף וַוייטֶער.

## תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ז׳ אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי ווִי אִיר שְׁרַייבְּט; וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן הֶערְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס ווֶערְטֶער בַּאקוּמְט מֶען שֵׂכֶל, מֶען וֶוערְט אַ נַייעֶ מֶענְטְשׁ, מֶען הוֹיבְּט אָן לֶעבְּן אַ פְּרֵיילִיכֶע לֶעבְּן, מֶען הוֹיבְּט אָן לֶעבְּן אַן עֶכְטֶע לֶעבְּן; וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גְעוואוּסְט וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן אַלֶע גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, אַלֶע וָואלְטְן גֶעלֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצב): "הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ", דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע לִיבְּשַׁאפְט וָואס עֶס וֶועט זַיין צְווִישְׁן אַייךְ; דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיף אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶ שְׁטוּבּ, דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי לִיבְּשַׁאפְט וָואס אִיז דָא אִין אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶ שְׁטוּבּ, מֶען לֶעבְּט מִיט לִיבְּשַׁאפְט אֵיינֶער מִיטְ׳ן צְוֵוייטְן - וָואס מֶען זֶעט נִישְׁט בַּיי אַנְדֶערֶע. לֵיידֶער הֶערְט מֶען און מֶען זֶעט בַּיי זֵייעֶר פִיל מִשְׁפָּחוֹת אַז מֶען לֶעבְּט נִישְׁט אֵיינֶער מִיטְ׳ן צְוֵוייטְן אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן; מֶען קְרִיגְט זִיךְ, מֶען בַּארֶעדְט זִיךְ, דֶער מַאן מַאכְט חוֹזֶק פוּן דִי וַוייבּ פַּאר זַיינֶע חֲבֵרִים, עֶר זוּכְט ווִי עֶר קֶען אִיר אוֹיסְנַארְן און זָאגְן לִיגְנְט, עֶר ווִיל נִישְׁט אַהֵיים קוּמֶען, עֶר זוּכְט תֵּירוּצִים וָואס עֶר קֶען אִיר זָאגְן, און בַּיי דִי וַוייבּ אִיז אוֹיךְ אַזוֹי, זִי רֶעדְט מִיט אִירֶע חַבֶרְ׳טֶעס אַלֶע פְּרִיוַואטֶע זַאכְן פוּן אִיר מַאן, און עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין לִיבְּשַׁאפְט. אָבֶּער וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיטְ׳ן צַדִּיק, מֶען הֶערְט זִיךְ צוּ צוּ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס דִיבּוּרִים, דַאן וֶוערְט מַמָּשׁ מְקוּיָם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט: "הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ", דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע לִיבְּשַׁאפְט וָואס עֶס וֶועט זַיין צְווִישְׁן אַייךְ.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם, מֶען גֶעבְּט נָאךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, מֶען זוּכְט דָאס גוּטְס אֵיינֶער בַּיים צְוֵוייטְן; דִי וֶועלְן הָאבְּן אַלֶע בְּרָכוֹת, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה יז.): "אִישׁ וְאִשָּׁה - זָכוּ, שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶן", וֶוען מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה אַז דִי שְׁכִינָה רוּט אִין שְׁטוּבּ, וַוייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס נָאמֶען אִיז 'שָׁלוֹם' (שַׁבָּת י.), און אַז מֶען אִיז בְּשָׁלוֹם אִיז דָא הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ״ח שְׁבַט, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא (דַּף קד.) שְׁטֵייט: ״בְּשַׁעֲתָא דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא רָחִים לֵיהּ לְבַר נָשׁ, מְשַׁדֵּר לֵיהּ דּוֹרוֹנָא, וּמַאן אִיהוּ? מִסְכֵּנָא, בְּגִין דְּיִזְכֵּי בֵּיהּ״, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אֵיינֶעם שִׁיקְט עֶר אִים אַ מַתָּנָה אַ צֶעבְּרָאכֶענֶער מֶענְטְשׁ; אַז מֶען קוּמְט צוּ אַייךְ אוּן מֶען רוּפְט אַייךְ פַאר חִיזוּק אִיז דָאס אַ סִימָן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ לִיבּ, עֶר שִׁיקְט אַייךְ מַתָּנוֹת צֶעבְּרָאכֶענֶע נְשָׁמוֹת, דַארְפְט אִיר טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז אִיר הָאט אַזַא זְכוּת צוּ מְחַזֵק זַיין נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס זֶענֶען צֶעבְּרָאכְן; עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא גְרוֹיסֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**הִיט דַיינֶע אוֹיגְן וֶועסְטוּ נִישְׁט דַארְפְן לַיידְן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קוּק נִישְׁט קַיין מָאוִוי"ס, פַארבְּרֶענְגְט דִיר נִישְׁט דַיין לֶעבְּן; נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ הֶערְסְט פוּן אַ צְוֵוייטְן דַארְפְסְטוּ נָאךְ טוּן, אֲפִילוּ אַלֶע אִינְגֶעלַייט מִיט וֶועם דוּ דְרֵייסְט זִיךְ רֶעדְן פוּן דֶעם עֶקְטֶער אוּן פוּן יֶענֶעם זִינְגֶער זָאלְסְטוּ וַוייטֶער זַיין שְׁטַארְק מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן נִישְׁט צוּ קוּקְן קַיין שׁוּם זַאךְ.

אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן וֶועט דִיר אַלֶעס גֵיין גְרִינְגֶער; אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן דַארְף מֶען נָאכְדֶעם לַיידְן אִין לֶעבְּן, מֶען וֶוערְט פַארְשְׁוַוארְצְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דַארְפְסְט זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען צוּ הָאבְּן אַ כָּשֵׁר'עֶ טֶעלֶעפָאן אוּן אַ גֶעפִילְטֶערְטֶע קָאמְפְּיוּטֶער, שֶׁעמֶען דַארְף מֶען זִיךְ נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מָארְגְן וֶועט אִם יִרְצֶה ה' זַיין אַ שִׁיעוּר, אִיךְ הָאף דִיר צוּ זֶען.

...

די קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן אַ גוּטֶע סְבִיבָה.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אַז אִיר זֶענְט גֶעוֶוען אִין שְׁפִּיטָאל שַׁבָּת וְכוּ' אוּן אִיר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צִינְדְן שַׁבָּת לִיכְט - הֵייסְט דָאס אַן אוֹנֶס, וָואס אִין אַזַא פַאל דַארְף מֶען נִישְׁט צוּלֵייגְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן נָאךְ אַ לִיכְט; נָאר וֶוען דִי פְרוֹי - פַארְגֶעסְט דֶעמָאלְט קַנְסְ'ט מֶען אִיר אַז זִי דַארְף צוּלֵייגְן (עַיֵּין מִשְׁנָה בְּרוּרָה סִימָן רסג, סְעִיף קָטָן ז).

בְּנוֹגֵעַ זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְן וְכוּ'; זֵייעֶר אַסַאךְ קִינְדֶער ווילְן זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְן מִיט דִי סָארְט פַארְשְׁטֶעלַאכְץ וְכוּ', עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְן מִיט דֶעם.

מֵיידְלֶעךְ קֶענֶען זִיךְ אוֹיךְ פַארְשְׁטֶעלְן אָבֶּער עֶס מוּז זַיין אַן אֵיידֶעלֶע פַארְשְׁטֶעלַאכְץ בְּגִדְרֵי צְנִיעוּת.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז אִיר הָאט אַיינְגֶעלַיידְנְט מִשְׁפַּחַת ... נֵרוֹ יָאִיר אוֹיף דִי סְעוּדוֹת פּוּרִים, דָאס אִיז דָאךְ דֶער עִיקָר מִצְוָה פוּן פּוּרִים - צוּ פַארְמֶערְן שָׁלוֹם אוּן אַחְדוּת.

פְּרוּיעֶן דַארְפְן נִישְׁט פַאסְטְן עֲשָׂרָה בְטֵבֵת, תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז אוּן צוֹם גְּדַלְיָה, אָבֶער מֶעֶנֶער - פוּן דִי בַּר מִצְוָה דַארְפְן אַלֶע פַאסְטְן אָן קַיין אוֹיסְנַאם. דָאס אַז אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר פַאסְט נִישְׁט דִי אַלֶע תַּעֲנִיתִים, עֶר עֶסְט אַ גֶעהֶעריגֶע פְרִישְׁטָאג אִין שְׁטוּב; אִיךְ וֶועל רֶעדְן צוּ אִים, מִן הַסְּתָם מֵיינְט עֶר אַז מֶען דַארְף נִישְׁט פַאסְטְן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַז דָאס אִיז אַן הֲלָכָה מְפוֹרֶשֶׁת.

בְּנוֹגֵעַ וואוּ צוּ וואוֹינֶען וְכוּ'; וֵוייסְט דֶען אַ מֶענְטְשׁ וואוּ זַיין פְּלַאץ אִיז? דֶער עִיקָר דַארְף מֶען קוּקְן אוֹיף חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת. אַ אִיד קֶען נִישְׁט וואוֹינֶען וואוּ אִימֶער, אַ אִיד דַארְף זֶען אַז זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן אַ גוּטֶע סְבִיבָה אוּן אַ גוּטֶע חִינוּךְ, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל וואוֹינֶען אִין אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען אוֹיפְצִיעֶן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

מוֹהַרְאַ"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר פְּלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן עֶר זָאל אִים וַוייזְן וואוּ זַיין חֵלֶק אִיז אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט קַיין יַבְנְאֵל.

שְׁטַארְקְט אַייךְ וַוייטֶער אוֹיפְצוּצִיעֶן דִי קִינְדֶער אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט בַּיי מוֹהַרְאַ"שׁ.

...

### דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה וֶועסְטוּ קֶענֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ב' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעם דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצָה וֶועסְטוּ קֶענֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דַיין בְּלָאטֶע. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם, רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה,

בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד". אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ" וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, ווייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶעם שְׁמוּעֶס הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, רַחְמָנָא לִצְלָן?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט ווִי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס וַוייקְט זִיךְ אִין דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, וֶועט אִים דִי תּוֹרָה אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן זַיין בְּלָאטֶע".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת חֲפִירוֹת וְקַבְּלָנוּת, הֲלָכָה ב, אוֹת יב): "וַאֲפִלּוּ מִי שֶׁנָּפַל לְמָקוֹם שֶׁנָּפַל", אֲפִילוּ וֶוער עֶס אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית חַס וְשָׁלוֹם "וְהוּא רָחוֹק מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל־יְדֵי מַעֲשָׂיו הָרָעִים", אוּן הָאט זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, "אַף־עַל־פִּי־כֵן יָכוֹל לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ, בְּקַל, עַל־יְדֵי לִמּוּד הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", קֶען עֶר דוּרְךְ דִי תּוֹרָה גְרִינְג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כִּי הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה יוֹרֶדֶת אֲפִלּוּ לְמִי שֶׁהוּא בְּעִמְקֵי הַקְּלִפּוֹת, בִּשְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת, חַס וְשָׁלוֹם. וּמְעוֹרֶרֶת אוֹתוֹ וּמְקָרֶבֶת אוֹתוֹ לְהַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ", ווייל דִי תּוֹרָה וֶועקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, ווִי ווייט עֶר זָאל נָאר זַיין, אֲפִילוּ עֶר לִיגְט אִין דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע - עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָׁה, "וְהַכְּלָל, שֶׁהַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה הִיא יוֹרֶדֶת אֲפִלּוּ בְּעִמְקֵי תְּהוֹם לְעוֹרֵר אֲפִלּוּ אֶת הַפְּחוּתִים שֶׁבַּפְּחוּתִים, לְהַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ. וְעַל־יְדֵי עֵסֶק הַתּוֹרָה - יְכוֹלִין לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ אֲפִלּוּ מִשְּׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת, חַס וְשָׁלוֹם".

נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן הוֹיבּ אָן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת; לֶערְן אֵיין פֶּרֶק נָאכְ'ן צְווייטְן, אִין אָנְהוֹיבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט ווייל פוּן אַזוֹיפִיל מָאל זִינְדִיגְן אִין דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית הָאסְטוּ פַארְלוֹירְן דַיין מֹחַ. אַזוֹי ווִי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (עַיֵּין פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, קי): "סְלוּקָא דִּיסוֹדָא עַד אַבָּא וְאִמָּא", אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית - מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּיְסוֹד גֵייט דֶער פְּגַם בִּיז'ן מֹחַ; מֶען פַארְלִירְט דֶעם כֹּחַ פוּן זִיךְ קֶענֶען קָאנְצֶעטְרִירְן וְכוּ'. אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס

מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען וַוייטֶער זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה אַז מֶען הֶערְט אוֹיף צוּ טוּן עֲבֵירוֹת אוּן מֶען רַייסְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי קְלִפּוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף דַיין ווִילְן.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר נָאךְ דִיר; אִיךְ הָאף אַז דוּ לֶעבְּסְט נָאךְ מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אַזוֹי ווִי אַמָאל, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי אוּנְז טְלִיעֶט נָאךְ דֶעם רֶבִּינְ'ס פֵייעֶר'ל; אִין יְשִׁיבָה אִיז דָא וַוארֶעמֶע דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי'ן.

דֶעם שַׁבָּת אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע שַׁבָּת בָּרוּךְ ה'; שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי הָאבְּן מִיר פָארְגֶעלֶערְנְט אִין סֵפֶר פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר רֶבִּי נָתָן אַ צֶעטְל אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן שֵׁמוֹת עֶר זָאל עֶס טְרָאגְן צוּ אֵיינֶע פוּן דִי תַּלְמִידִים - רֶבִּי יוֹשֻׁעַ מִזוּרִין (סִימָן תקפט); דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶען בְּרוּחַ הַקוֹדֶשׁ אַז עֶר גֵייט שׁוֹין נִפְטָר וֶוערְן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיבְּן אַ צֶעטְל מִיט שֵׁמוֹת עֶר זָאל זִיךְ דָאס אֵיינְ'חַזֶרְ'ן, וֶועט אִים דָאס זַיין אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה אוֹיבְן אִין הִימְל וְכוּ'. וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ וֶועל זִיךְ גוּט אֵיינְ'חַזֶרְ'ן דִי שֵׁמוֹת כְּדֵי אִיךְ זָאל דָאס ווִיסְן פַאר מִיר, אִיךְ זָאל אוֹיךְ קֶענֶען קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן נָאךְ מַיין פְּטִירָה', אוּן אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּן, אַ גַאנְצֶע וֶועג הָאט עֶר זִיךְ אַיינְגֶע'חַזֶרְ'ט דִי שֵׁמוֹת, אָבֶּער וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען אוּן עֶר אִיז אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן הָאט עֶר פְּלוּצְלִינְג אַלֶעס פַארְגֶעסְן, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס חֲלִישׁוּת הַדַּעַת דֶערְפוּן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: "דוּ דַארְפְסְט דָאס נִישְׁט, וַוייל דוּ בִּיסְט שְׁטֶענְדִיג בַּיי מִיר".

מִיר הָאבְּן אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶעבְּן שְׁטֶענְדִיג מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אוּן עוֹסֵק זַיין שְׁטֶענְדִיג אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער; דוּרְכְדֶעם וֶועלְן מִיר נִישְׁט דַארְפְן הָאבְּן קַיין אַנְדֶערֶע סְגוּלוֹת פַאר יֶענֶע וֶועלְט,

מִיר וֶועלְן זַיין מְקוּשָּׁר צוּם רֶבִּי'ן אַזוֹי ווִי מִיר זֶענֶען יֶעצְט צוּגֶעבִּינְדְן.

בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר זִיךְ מוֹרָא'דִיג מְחַזֵּק גֶעוֶועזְן מִיט דִי שִׂיחָה (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקצב) אַז אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּאקְלָאגְט פַאר'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן עֶס גֵייט אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער; הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט: "ווִילְסְטוּ אָבֶּער וֶועלְן?" אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים מְחַזֵּק גֶעוֶועזְן עֶר זָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן זַיין ווִילְן; וַוייל אַז מֶען ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - דָאס אַלֵיינְס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אוּן אַז מֶען ווִיל, מֶען לָאזְט נִישְׁט אָפּ דֶעם ווִילְן וֶועט מֶען בַּיים סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן עֶס אִיז גֶעוֶועזְן וַוארֶעמֶע דִיבּוּרִים, מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט דֶעם רֶבִּי'ן; מֶען הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט מִיט דִי שִׂיחָה פוּן רֶבִּי'ן, אַז מֶען זָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן דֶעם ווִילְן. אֲפִילוּ מֶען זֶעט אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל טֶעג, וָואכְן אוּן יָארְן אוּן מֶען אִיז נָאךְ אַלְץ נִישְׁט זוֹכֶה צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, דָאךְ זָאל מֶען וַוייטֶער וֶועלְן אוּן וַוייטֶער בֶּענְקֶען אוּן הָאפְן, מֶען זָאל וַוייטֶער זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בֶּענְק צוּ דִיר; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זַיין מִיט דִיר".

ווַאוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט מִיט דֶעם; עֶר דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיין הַארְץ אוּן זַיין ווִילְן, דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט גֵיין צוּ דִי בְּחִירוֹת.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ ווַאוּנְדֶער זִיךְ זֵייעֶר אוֹיף דַיין שְׁאֵלָה וָואס דוּ פְרֶעגְסְט, צִי דוּ זָאלְסְט גֵיין צוּ דִי בְּחִירוֹת; וָואס אִיז דַיין שְׁאֵלָה בִּכְלַל, וָואס הָאסְטוּ מִיט דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע מְדִינָה - דִי עֵרֶב רַב וָואס הָאבְּן אוֹיסְגֶע'שְׁמַד'ט מִילְיָאנֶען אִידְן? דוּ וֵויסְט דָאךְ וָואס דִי צַדִּיקִים פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶער דוֹר הָאבְּן גֶעהַאלְטְן, אַז מֶען טָאר נִישְׁט נֶעמֶען קַיין חֵלֶק אִין דִי בְּחִירוֹת הַטְּמֵאוֹת, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

שְׁרַייבְּט אִינֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה (מַאֲמָר שָׁלֹשׁ שְׁבוּעוֹת, סִימָן קמ) אַז גֵיין צוּ דִי בְּחִירוֹת אִיז בְּיֵהָרֵג וְאַל יַעֲבוֹר.

דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה אַלֶע יָארְן, בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר טַייעֶרער ..., לָאז זִיךְ נִישְׁט פַארְדְרֵייעֶן דַיין קָאפּ מִיט דִי אַלֶע וָואס זָאגְן אַז מֶען דַארְף גֵיין צוּ דִי בְּחִירוֹת, עֶס פַּאסְט נִישְׁט פוּן אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה צוּ וֶוערְן פַארְדְרֵיידְט; דוּ הָאסְט דָאךְ גֶעטְרִינְקֶען פוּן דִי אוּנְגַארִישֶׁע וַויין, וִוי קוּמְט צוּ דִיר בִּכְלַל אַזַא שְׁאֵלָה? אַוַודַאי זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין! זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן צוּ טוּן מִיט זֵיי, נִישְׁט נֶעמֶען אַ חֵלֶק אִין דִי מְרִידָה בְּמַלְכוּת שָׁמַיִם, נִישְׁט דוּ אוּן נִישְׁט דַיין וַוייבּ.

גֵיי הַפָּצָה; נֶעם אַ זֶעקֶל סְפָרִים אוּן גֵיי מִיט דֶעם אִין אַלֶע גַאסְן, אִין אַלֶע שׁוּלְן אוּן אִין אַלֶע עֶרְטֶער, נֶעם דֶעם קוּנְטְרֶס "לְמִי יִבְחוֹר", מוֹהַרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע קוּנְטְרֶס פַאר דִי בְּחִירוֹת: "לְמִי יִבְחוֹר" - פַארְוֶועם צוּ שְׁטוּמֶען, אַ קוּנְטְרֶס וָואס אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוער דִי מְדִינָה אִיז אוּן וָואס זֵייעֶר צִיל אִיז. מוֹהַרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אַז מֶען זָאל נִישְׁט נֶעמֶען אַ חֵלֶק אִין קַיין שׁוּם פַּארְטֵיי, מִיר שְׁטוּמֶען נָאר פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פַאר דִי תּוֹרָה, מִיר שְׁטוּמֶען פַאר מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וָואס וֶועט אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי פִיר אוּן צְוָואנְצִיגְסְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, זַיי מַמְשִׁיךְ בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז.

גֶעבּ אַ גְרוּס פַאר דַיין שְׁוֶוער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים שִׁיקְן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה.

...

טַאטֶע אִין הִימְל הֶעלְף מִיר אַרוֹיס.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, ו׳ אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַרְבֶּעט אִיז דָאס נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ נִישְׁט אַהֵיים צוּ בְּרֶענְגֶען גֶעלְט; דוּ הָאסְט אוּנְטֶער גֶעשְׁרִיבְּן בַּיי דִי חוּפָּה אִין דִי כְּתוּבָּה: "אֲנָא אֵיזַן, וְאוֹקִיר וְאֶפְלַח לֵיכִי", אִיךְ וֶועל דִיר שְׁפַּייזְן וְכוּ׳, דֶערִיבֶּער דַארְפְסְטוּ טוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט צוּ שְׁפַּייזְן דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

די עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף מֶען צָאלְן דִירָה גֶעלְט, וַוייל אוֹיב מֶען צָאלְט נִישְׁט קַיין רֶענְט וֶועט מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין דַאךְ אִיבֶּערְ'ן קָאפּ. מוֹהֲרָא"ש פְּלֶעגְט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג אָנְזָאגְן אַז דָאס עֶרְשְׁטֶע פְּלַאץ וואוּ דִי גֶעלְט דַארְף גֵיין אִיז פַאר רֶענְט; רֶענְט קוּמְט פַאר עֶסְן אוּן פַאר אַלֶעמֶען. נָאכְדֶעם דַארְף מֶען צָאלְן לֶעקְטֶער, גֶעז, גְרָאסֶערִי וְכוּ' וְכוּ', אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה מֶעגְסְטוּ עַל פִּי הַלָּכָה גֵיין נָאךְ גֶעלְט, מֶען קֶען נִישְׁט זִיצְן אִין שְׁטוּבּ אוּן זָאגְן: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה"; מֶען מוּז בְּרֶענְגֶען גֶעלְט פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד.

עַל פִּי הַלָּכָה (שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רנג) אוֹיב מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט קֶען מֶען גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר זִיךְ אַלֵיינְס; פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִין שְׁטוּבּ אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ זָאגְן אַז מֶען גֵייט נָאךְ גֶעלְט פַאר זִיךְ, מֶען זָאגְט: "אִיךְ גֵיי נָאךְ גֶעלְט פַאר אַ מִשְׁפָּחָה וָואס הָאט נִישְׁט אוֹיף שַׁבָּת".

אִיךְ וֶועל דִיר נָאכְאַמָאל דֶערְמַאנֶען דֶעם סִיפּוּר וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט, אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ דִיר עֶס שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן כַּמָּה פְּעָמִים, וַוייל יֶעצְט וֶוען דוּ בִּיסְט גוּט גֶעדְרוּקְט וֶועט עֶס דִיר גוּט מְחַזֵּק זַיין. מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט, אִין יְרוּשָׁלַיִם אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד ר' בֶּנְצִיוֹן יַאדְלֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מַגִּיד אוּן עֶר פְּלֶעגְט אַרוּם גֵיין הַאלְטְן דְּרָשׁוֹת; אֵיינְמָאל קוּמְט צוּ אִים אַ אִיד אוּן הוֹיבְּט אָן וֵויינֶען אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה אוּן דִי קִינְדֶער וֵויינֶען פַאר בְּרוֹיט וְכוּ' וְכוּ', זָאגְט אִים ר' בֶּנְצִיוֹן: "דוּ הָאסְט דָאךְ אַ רַייכֶע טַאטֶע, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן אוּן רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר". זָאגְט אִים דֶער אִיד: "מַיין טַאטֶע וָואס וואוֹנְט אִין צְפַת? וָואס קֶען עֶר מִיר שׁוֹין הֶעלְפְן? עֶר הָאט אוֹיךְ קוֹים קוֹם פַאר זִיךְ צוּ לֶעבְּן!" זָאגְט אִים ר' בֶּנְצִיוֹן: "נִישְׁט דִי טַאטֶע מֵיין אִיךְ, אִיךְ מֵיין דַיין טַאטֶע אִין הִימְל, דֶער גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער - עֶר קֶען דִיר הֶעלְפְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר".

פַארְשְׁטֵיי גוּט אוּן גֵיי צוּ דַיין רַייכֶע טַאטֶע, בֶּעט אִים: "רַייכֶער טַאטֶע, הֶעלְף מִיר, רַייכֶער טַאטֶע הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, רַייכֶער טַאטֶע אִיךְ הַאלְט מֶער נִישְׁט אוֹיס", וֶועסְטוּ זֶען נִיסִים.

...

**שֶׁעצְן דֶעם מַאן׳ס תּוֹרָה.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו׳ אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

אִם יִרְצֶה ה׳ דֶעם קוּמֶענְדִיגְן שַׁבָּת - פָּרְשַׁת תְּצַוֶּה (זָכוֹר) עֶנְדִיגְן מִיר מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת; אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג דֶעם דַף גְמָרָא, עֶר גֵייט אוֹיךְ מְסַיֵּים זַיין דֶעם שַׁבָּת מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת, וָואלְט גֶעוֶוען אַ גוּטֶע זַאךְ אִיר זָאלְט אִים מַאכְן אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה לְכָבוֹד דִי סִיּוּם, דָאס וֶועט אִים זֵייעֶר מְחַזֵּק זַיין, עֶס וֶועט אִים גֶעבְּן אַ גוּטֶע שְׁטוּפּ אָנְצוּהוֹיבְּן דֶעם קוּמֶענְדִיגְן זוּנְטָאג מַסֶּכֶת שַׁבָּת.

מִיט חָכְמָה קֶען מֶען אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם מַאן זֵייעֶר הוֹיךְ; אַ קְלוּגֶע פְרוֹי וֵוייסְט ווִי אַזוֹי צוּ מַאכְן אִיר מַאן זָאל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יז, ז): ״מַעֲשֶׂה בְּחָסִיד אֶחָד״, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ חָסִיד וָואס הָאט גֶעהַאט אַ עֶרְלִיכֶע פְרוֹי אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער, הָאבְּן זֵיי אָפְּגֶעמַאכְט צְווִישְׁן זִיךְ אַז ווִיבַּאלְד זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין קִינְדֶער וֶועלְן זֵיי זִיךְ גֶטְ׳ן אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעטוּן, ״הָלַךְ זֶה וְנָשָׂא רְשָׁעָה אַחַת, וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ רָשָׁע״, דֶער חָסִיד הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט נִישְׁט אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי אוּן מִיט דִי צַייט הָאט זִי אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ רָשָׁע, ״הָלְכָה זֹאת וְנִשֵּׂאת לְרָשָׁע אֶחָד, וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ צַדִּיק״, ווִידֶער דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ מַאן אַ רָשָׁע אוּן זִי הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ צַדִּיק, ״הֱוֵי, שֶׁהַכֹּל מִן הָאִשָּׁה״, זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דִי פְרוֹי הָאט מוֹרָא׳דִיגֶע כּוֹחוֹת, זִי קֶען אִיבֶּער דְרֵייעֶן אִיר מַאן אִים מְחַזֵּק זַיין אוּן אִים אוֹיפְהֵייבְּן.

ווּאוֹיל אִיז פַאר דִי פְרוֹי וָואס הַאלְט טֵייעֶר אִיר מַאן וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה, וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ שֵׁיינֶע דוֹרוֹת.

...

**אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵק מִיט אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן קָאפְּדְרֵייעֶנִישְׁן.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו׳ אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד דִי חָשׁוּבֶ׳עֶ חַבּוּרָה תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב בִּירוּשָׁלַיִם עִיר הַקוֹדֶשׁ, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ.**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר נֶעמְט זִיךְ צוּזַאם דַאוֶונֶען אִינְאֵיינֶעם אוּן

איר פְּרַאוֶועט אִינְאֵיינֶעם שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵּק מִיט׳ן רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער. אִיךְ הָאף מִיט׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף אַייךְ צוּ שְׁרַייבְּן יֶעדֶע וָואךְ אַ בְּרִיוו, דָאס זָאלְט אִיר לֶערְנֶען בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת. אֵיינֶער זָאל דָאס פָּארְלֶערְנֶען הוֹיךְ אוּן קְלָאר; אִיר קֶענְט מַאכְן קָאפִּיס אַז אַלֶע זָאלְן קֶענֶען מִיט הַאלְטְן.

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין זֵייעֶר אַ דֶערְהוֹיבֶּענֶע צַייט, מִיר הָאבְּן יֶעצְט דִי מִצְוָה פוּן אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵק וָואס פַארְשְׁטֶעלְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ סְפֵיקוֹת אִין דִי אֱמוּנָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (פְּסִיקְתָּא דְּרַב כַּהֲנָא, הוּבָא בְּרַשִּׁ״י שְׁמוֹת יז, ח), אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען אַ וַוייטֶע וֶועג מִיט זַיין קִינְד, דָאס קִינְד הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ מֶער צוּ גֵיין הָאט אִים דֶער טַאטֶע גֶענוּמֶען אוֹיפְ׳ן אַקְסְל, אַזוֹי אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעגַאנְגֶען מִיט׳ן קִינְד אוֹיפְ׳ן פְּלֵייצֶע, גֵייעֶנְדִיג אוֹיפְ׳ן וֶועג זֶעט דָאס קִינְד ווִי אֵיינֶער פַארְקוֹיפְט גֶעשְׁמַאקֶע עֶסְן הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן זַיין טַאטֶע עֶר זָאל אִים גֶעבְּן עֶסְן אוּן דֶער טַאטֶע הָאט אִים גֶעגֶעבְּן עֶסְן, גֵייעֶנְדִיג וַוייטֶער בֶּעט עֶר זַיין טַאטֶע אַז עֶר דַארְף טְרִינְקֶען אוּן דֶער טַאטֶע הָאט אִים גֶעקוֹיפְט אַ טְרִינְק, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען מִיט אַלֶעס וָואס דֶער קִינְד הָאט גֶעזֶען, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין טַאטֶע זָאל אִים דָאס קוֹיפְן אוּן דֶער טַאטֶע הָאט אִים אַלֶעס גֶעגֶעבְּן, גֵייעֶנְדִיג וַוייטֶער הָאט דָאס קִינְד גֶעזֶען אֵיינֶעם גֵיין אוּן הָאט יֶענֶעם גֶעפְרֶעגְט: "הָאסְט אֶפְשָׁר גֶעזֶען מַיין טַאטֶע? אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וואוּ מַיין טַאטֶע אִיז!" וֶוען דֶער טַאטֶע הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן דָאס קִינְד פוּן זַיין אַקְסְל, אִיז גֶעקוּמֶען אַ הוּנְט אוּן גֶעבִּיסְן דָאס קִינְד.

אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם, עֶר הָאט זֵיי גֶעווִיזְן דִי גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער, עֶר הָאט גֶעשְׁפָּאלְטְן דֶעם יַם, זֵיי גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן מָן פוּן הִימְל, דִי בְּרוּנֶעם וַואסֶער צוּ טְרִינְקֶען אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, בִּיז דִי אִידְן הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט (שְׁמוֹת יז, ז): "הֲיֵשׁ ה׳ בְּקִרְבֵּנוּ?" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט אוּנְז? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַארְגֶעסְן פוּן אוּנְז? גְלַייךְ הָאט פַּאסִירְט דִי פַּרְשָׁה מִיט עֲמָלֵק, וַיָּבֹא עֲמָלֵק אוּן עֶר הָאט גֶעבִּיסְן דִי אִידְן.

מוֹהַרְאַ״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶר׳ן מִיט אוּנְז אַז אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן קָאפְּדְרֵייעֶנִישְׁן קוּמְט פוּן עֲמָלֵק; עֲמָלֵ״ק בַּאטְרֶעפְט אַזוֹי ווִי סָפֵ״ק, דֶער עִיקָּר פוּן עֲמָלֵק אִיז אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען סְפֵיקוֹת אִינֶעם מֶענְטְשׁ: ׳וֶועל אִיךְ נָאךְ הָאבְּן אַ תַּקָּנָה?׳ ׳קֶען אִיךְ נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן?׳ ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיר נָאךְ הָאבְּן?׳

'וֶוערְן מַיינֶע תְּפִילּוֹת אוֹיךְ אָנְגֶענוּמֶען?' דָאס אַלֶעס און נָאךְ בְּרֶענְגְט עֲמָלֵק אַריין אִינֶעם מֶענְטְשׁ, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל טְרַאכְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט מִיט אִים און אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת, שָׁם): "הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן"; און גְלַייךְ נָאכְדֶעם שְׁטֵייט "וַיָּבֹא עֲמָלֵק".

אַז מִיר וֶועלְן אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי אַלֶע סְפֵיקוֹת וּבִלְבּוּלִים וֶועלְן מִיר רִיכְטִיג מְקַיֵּים זַיין דֶעם מְחִיאַת עֲמָלֵק; אַז מִיר וֶועלְן גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז, בַּיי אוּנְז און נֶעבְן אוּנְז און עֶר הֶערְט צוּ אוּנְזֶערֶע תְּפִילּוֹת.

אַזוֹי אוֹיךְ דַארְפְן מִיר הָאבְּן אֱמוּנָה אִין זִיךְ און שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן: 'יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיךְ טוּ, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ נַחַת רוּחַ פוּן דֶעם'; בִּפְרַט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל און עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ אִין הִימְל און וָואס פַאר אַ רַעַשׁ עֶס וֶוערְט דֶערְפוּן. אַלֶע קְלִפּוֹת און מְקַטְרְגִים וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט פוּן דֶעם.

וֶוער הַאלְט מִלְחָמָה מִיט עֲמָלֵק? דִי צַדִּיקִים וָואס פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הַאלְטְן מִלְחָמָה מִיט אִים; זֵיי דֶערְמַאנֶען אוּנְז נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, עֶר טוּט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס; קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן נָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט.

מִיר גֶעפִינֶען בַּיי דִי פַּרְשָׁה פוּן עֲמָלֵק, וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעהַאלְטְן זַיינֶע הֶענְט אִינֶעם רִיכְטוּנְג פוּן הִימְל הָאבְּן דִי אִידְן מְנַצֵּחַ גֶעוֶוען, פְרֶעגְן חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים (רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ג, מִשְׁנָה ח): "וְכִי יָדָיו שֶׁל מֹשֶׁה עוֹשׂוֹת מִלְחָמָה אוֹ שׁוֹבְרוֹת מִלְחָמָה?" צִי טוּט דֶען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ'ס הֶענְט מַאכְן מֶען זָאל מְנַצֵּחַ זַיין אָדֶער פַארְלִירְן דִי מִלְחָמָה, "אֶלָּא כָּל זְמַן שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל מִסְתַּכְּלִים כְּלַפֵּי מַעְלָה וּמְשַׁעְבְּדִין אֶת לִבָּם לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם, הָיוּ מִתְגַּבְּרִים; וְאִם לָאו, הָיוּ נוֹפְלִין", נָאר וָואס דֶען, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעזִיצְן און גֶעוִויזְן מִיט זַיינֶע הֶענְט אוֹיף אַרוֹיף, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן: "קוּקְט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן! הָאטְס נִישְׁט מוֹרָא פוּן עֲמָלֵק"; עֲמָלֵק וִויל אוּנְז שְׁוַואךְ מַאכְן, עֶר כַאפְּט דִי מֶענְטְשְׁן וָואס פַאלְן אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת און עֶר זָאגְט זֵיי: "דוּ בִּיסְט שׁוֹין פַארְפַאלְן, דוּ בִּיסְט שׁוֹין דֶערְנָאךְ!" קוּמְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ און וַוייזְט אוֹיף אַרוֹיף, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְט: "קוּק נִישְׁט וָואס עֲמָלֵק זָאגְט, הֶער נִישְׁט צוּ דֶעם יֵצֶר הָרָע, דוּ קוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן

פּוּרִים; גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ טְרִינְקֶען פּוּרִים בַּיינַאכְט, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין מִצְוָה צוּ טְרִינְקֶען פּוּרִים בַּיינַאכְט. נָאכ׳ן מְגִילָה לֵיינֶען זָאלְט אִיר מַאכְן אַ סְעוּדָה אוּן גֵיין שְׁלָאפְן כְּדֵי אִיר זָאלְט קֶענֶען אוֹיסְנוּצְן דֶעם פּוּרִים אִינְדֶערְפְרִי וֶוען דֶער מֹחַ אִיז נָאךְ קְלָאר - מִיט דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

פּוּרִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, מֶען דַארְף לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען; ווַאוֹיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס אַזַא טָאג אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מֶען לֶערְנְט שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוּן מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, מֶען גֵייט אַרוּם טְרָאגְן מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת פַּאר דִי עֶלְטֶערְן אוּן פַּאר דִי וַוייבּ׳ס עֶלְטֶערְן אוּן מֶען טַאנְצְט אוּן מֶען שְׁפְּרִינְגְט. עֶס אִיז כְּדַאי צוּ דַאוֶונֶען מִנְחָה נָאכְמִיטָאג נָאךְ פַּאר מֶען וַואשְׁט זִיךְ צוּ דִי סְעוּדָה, שְׁפֶּעטֶער מַאכְט מֶען אַ סְעוּדָה אוּן מֶען טְרִינְקְט אַפָּאר כּוֹסוֹת בִּיז מֶען וֶוערְט פְרֵיילִיךְ.

אַ פְרֵיילִיכְן פּוּרִים אוּן אַ לִיסְטִיגְן תָּמִיד.

...

**נָאךְ קִינְדֶער בְּרֶענְגֶען נָאךְ פַּרְנָסָה אוּן שָׁלוֹם בַּיִת.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו׳ אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אוֹיבּ אִיז דָאס צוּלִיבּ אַייעֶר גֶעזוּנְט וְכוּ׳ אִיז אֵיין זַאךְ, אָבֶּער אוֹיבּ דָאס אִיז צוּלִיבּ אַנְדֶערֶע חֲשָׁשׁוֹת וָואס אִיר הָאט, אַזוֹי וִוי אִיר שְׁרַייבְּט אִינֶעם בְּרִיוו אַז אִיר הָאט נִישְׁט קֵיין פַּרְנָסָה בְּרֶיוַוח, אָדֶער עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ פָּארְן צוּ דִי עֶלְטֶערְן מִיט נָאךְ קִינְדֶער אוּן דִי שָׁלוֹם בַּיִת אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף וְכוּ׳ וְכוּ׳, דַארְפְט אִיר וִויסְן אַז עֶס אִיז פַּארְקֶערְט וִוי אִיר טְרַאכְט, ווַייל קִינְדֶער בְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה, יֶעדֶעס קִינְד וָואס וֶוערְט גֶעבּוֹירְן בְּרֶענְגְט נָאךְ פַּרְנָסָה, דוּרְךְ יֶעדֶע קִינְד וָואס וֶוערְט גֶעבּוֹירְן וֶוערְט מֶער לִיכְטִיג אִין שְׁטוּבּ.

קִינְדֶער מַאכְן נָאר בֶּעסֶער דִי שָׁלוֹם בַּיִת; אַזוֹי שְׁטֵייט פוּן צַדִיקִים, אַז קִינְדֶער בְּרֶענְגְט שָׁלוֹם בַּיִת. אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפוּנֶען בַּיי דִי פַּרְשָׁה פוּן אַ סוֹטָה; וֶוען אַ מַאן אוּן ווַייבּ קְרִיגְן זִיךְ בִּיז עֶס קוּמְט דֶערְצוּ אַז דֶער מַאן בְּרֶענְגְט זַיין ווַייבּ צוּם כֹּהֵן, דֶער כֹּהֵן טְרִינְקְט אִיר אָן מִיט דִי בִּיטֶערֶע ווַאסֶער אוּן עֶס שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס אַז זִי

אִיז אַן עֶרְלִיכֶע פְּרוֹי, זָאגְט דִי תּוֹרָה (בַּמִּדְבָּר ה, כח): "וְנִקְּתָה וְנִזְרְעָה זָרַע", זִי וֶועט וֶוערְן גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט קִינְדֶער אוּן דִי קִינְדֶער וֶועלְן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דִי אֱמֶת'עֶ לִיבְשַׁאפְט אוּן פַארְשְׁטַאנְד אֵיינֶער צוּם צְוֵויטְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זַייעֶר אִיר זָאלְט זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, דָאס וֶועט אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ אוּן מוּט צוּ עֶרְצִיעֶן אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

...

## מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין נַ"ךְ.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ז' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַיינְט הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּים זַיין נָאכְאַמָאל גַאנְץ נְבִיאִים וּכְתוּבִים; מִיר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג צְוֵויי קַאפִּיטְלֶעךְ נַ"ךְ, אַזוֹי קוּמְט אוֹיס אַז מֶען עֶנְדִיגְט יֶעדֶעס יָאר אַלֶע סִפְרֵי נְבִיאִים וּכְתוּבִים.

וֶוען מֶען לֶערְנְט נַ"ךְ וֶוערְט מֶען זַייעֶר נִתְעוֹרֵר לִתְשׁוּבָה, וֶוען מֶען זֶעט אַלֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף דִי אִידְן; וִוי זֵיי זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן גֶעגַאנְגֶען דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה, נָאכְדֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי גֶעבְּרֶענְגְט אַ רָשָׁע זָאל זֵיי פַּיינִיגְן בִּיז זֵיי הָאבְּן גֶעטְרָאפְן אַ נָבִיא אַ צַדִיק וָואס הָאט זֵיי צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דִי צָרוֹת הָאבְּן זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט. וֶוען מֶען לֶערְנְט נַ"ךְ זֶעט מֶען אַז נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָא לֶעבְּן, נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז גוּט.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין נַ"ךְ; מָארְגְן הוֹיבְּן מִיר אָן נָאכְאַמָאל לֶערְנֶען נַ"ךְ, כַאפּ זִיךְ מִיט צוּ לֶערְנֶען כָאטְשִׁיג אֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן דִי אַלֶע כ"ד סְפָרִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "נַ"ךְ אִיז מַיין מוּסָר סֵפֶר"; וַוייל וֶוען מֶען לֶערְנְט נַ"ךְ זֶעט מֶען אַז מֶען מוּז לֶעבְּן מִיט אַ צַדִיק. וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעהַאט אַ צַדִיק זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען עֶרְלִיךְ אוּן וֶוען דֶער צַדִיק אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעפַאלְן, בִּיז זֵיי הָאבְּן ווִידֶער בַּאקוּמֶען אַ צַדִיק וָואס זָאל זֵיי וַוייזְן דֶער וֶועג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער הֵייבּ זִיךְ אוֹיף, דוּ קֶענְסְט נָאךְ וֶוערְן נָאכְאַמָאל רֵיין; גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, פְּרוּבִיר נָאכְאַמָאל צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, קוּק נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז אֲפִילוּ מֶען גֵייט אִין בְּלָאטֶע זָאל מֶען נִישְׁט וֶוערְן שְׁמוּצִיג,

אַזוֹי ווי עֶס הָאט פַּאסִירְט בַּיי דִי צַדֶיקֶת אָדְל - דֶעם רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער, זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט מִיט נָאךְ אַפָּאר פְרוֹיעֶן, אִינְמִיטְן וֶועג הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ גָאס רֶעגְן, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע בְּלָאטֶע און אַלֶע פְרוֹיעֶן זֶענֶען גֶעוָוארְן פַארְשְׁמִירְט פוּן דִי בְּלָאטֶע, נָאר אָדְל אִיז גֶעבְּלִיבְן זוֹיבֶּער, אֲפִילוּ אִיר שִׁיךְ אִיז גֶעבְּלִיבְן רֵיין; דִי פְרוֹיעֶן וָואס זֶענֶען מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט ווִי אַזוֹי קֶען זַיין אַז זִי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ אַזַא רוֹאִיגְקֵייט אַז זִי זָאל קֶענֶען גֵיין אִין בְּלָאטֶע און דָאךְ בְּלַייבְּן זוֹיבֶּער, הָאט אָדְל זֵיי גֶעזָאגְט: "מַיין גְרוֹיסֶער טַאטֶע - דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - הָאט מִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ וֶועג אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען גֵייט אִין בְּלָאטֶע זָאל מֶען קֶענֶען בְּלַייבְּן רֵיין און זוֹיבֶּער".

אַז דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן פַארְקוֹיפְן רַאפֶּעלְס וֶועל אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן; עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער תִּיקוּן וֶוען מֶען גֵייט נָאךְ גֶעלְט, מֶען נֶעמְט אַרָאפּ פוּן זִיךְ גְרוֹיסֶע עוֹנְשִׁים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זַיין אָפְן אִיז דִי שְׁלִיסְל פַאר שָׁלוֹם בַּיִת.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ז' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.

ווִיסְן זָאלְט אִיר אַז אוֹיבּ מֶען ווִיל הָאבְּן אֱמֶת'עֶ שָׁלוֹם בַּיִת דַארְף מֶען זַיין אָפְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן; אוֹיבּ עֶפֶּעס בַּאדֶערְט דַארְף מֶען דָאס אוֹיסְרֶעדְן, זִיךְ אוֹיפְעֶסְן פוּן אִינֶעוֵוייניג אִיז נִישְׁט דֶער וֶועג, ווַייל דָאס לִיבְּשַׁאפְט קִילְט זִיךְ אָפּ מִיט דִי צַייט.

וֶוען מֶען רֶעדְט, מֶען דֶערְצֵיילְט זַאכְן וָואס בַּאדֶערְן דַארְף מֶען הָאבְּן שֵׂכֶל ווִי אַזוֹי דָאס צוּ זָאגְן; שְׁווַייגְן אִיז טַאקֶע נִישְׁט קֵיין עֵסֶק, אָבֶּער רֶעדְן דַארְף מֶען אוֹיךְ ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן. מֶען הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶס אִיז דָא אִין שְׁטָאט אַ אִיד אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, מַמָשׁ דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט רַעשְׁ'ט זִיךְ מִיט אִים, און אֵיינֶע פוּן זַיינֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת אִיז אַז עֶר אִיז אַ "שׁוֹתֵק" - עֶר שְׁווַייגְט. עֶר רֶעדְט נִישְׁט, מֶען הֶערְט נִישְׁט פוּן אִים קֵיין אֵיין וָוארְט; הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז מֶען דַארְף נִישְׁט שְׁווַייגְן, מֶען זָאל יָא רֶעדְן, נָאר מֶען

דַארְף ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן"; דָאס זֶעלְבֶּע דַארְפְט אִיר ווִיסְן, אַז מֶען ווִיל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת דַארְף מֶען זַיין אָפְּן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן, מֶען דַארְף נָאר ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן.

אַנְשְׁטָאט יֶענֶעם בַּאשׁוּלְדִיגְן דַארְף מֶען סְתַּם אוֹיסְרֶעדְן דִי וֶוייטָאג, נִישְׁט זוּכְן צוּ קְלַאפְּן דֶעם אַנְדֶערְן; מֶען שְׁמוּעֶסְט אוֹיס זַאכְן וָואס עֶס שְׁטֶערְט, אַזוֹי וֶוייסְט דֶער אַנְדֶערֶער וָואס צוּ טוּן. אֲפִילוּ אַייעֶר מַאן וֶועט זִיךְ נִישְׁט טוּישְׁן זַיינֶע מִידוֹת וְכוּ' אִין אֵיין מִינוּט, וֶועט אַייךְ אָבֶּער זַיין גְרִינְגֶער אוּן עֶר וֶועט ווִיסְן עַל כָּל פָּנִים אוֹיף וָואס צוּ אַרְבֶּעטְן וְכוּ' וְכוּ'.

וֶוערְטְס נִישְׁט פַארְלוֹירְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן.

...

**ווִי אַזוֹי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן זִיךְ פִירְן אוֹם יוֹם טוֹב פּוּרִים.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, ז' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד דִי תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב, שֶׁתִּחְיוּ.**

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט פַאר דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פּוּרִים, ווִיל אִיךְ אַייךְ שְׁרַייבְּן אַפָּאר ווִיכְטִיגֶע זַאכְן אִיר זָאלְט ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ מְקַבֵּל זַיין אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג.

טַייעֶרֶע בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידוֹת שֶׁתִּחְיוּ, גֵייט אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן שֵׁיין אוּן פִירְט אַייךְ אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן; קוּקְט צוּ וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ אֵיידְל, דִי נֵס פוּן פּוּרִים אִיז גֶעקוּמֶען דוּרְךְ 'אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה' ווַייל זִי הָאט זִיךְ גֶעפִירְט זֵייעֶר אֵיידְל. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן אוּנְז (תַּרְגּוּם אֶסְתֵּר ב, ז): "אֶסְתֵּר הֲווּ קָרֵין לָהּ", פַארְוָואס הָאט מֶען גֶערוּפְן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה מִיטְ'ן נָאמֶען 'אֶסְתֵּר', אִיר רִיכְטִיגֶע נָאמֶען אִיז נִישְׁט 'אֶסְתֵּר' זִי הָאט גֶעהֵייסְן 'הֲדַסָּה'? "עַל דִי הֲוַת צְנִיעָא בְּבֵיתָא דְמָרְדְּכַי, שַׁבְעִין וַחֲמֵשׁ שְׁנִין", ווַייל זִי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צְנִיעוּת'דִיג אִין שְׁטוּבּ פוּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק, "וְלָא חֲזַת אַפֵּי גְּבַר אֱלָהֵן אַפֵּי מָרְדְּכַי", דוּרְכְאוֹיס פִינְף אוּן זִיבֶּעצִיג יָאר הָאט זִי נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קַיין שׁוּם פְרֶעמְדֶע מַאן, זִי הָאט נָאר גֶעקוּקְט אוֹיף מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק - דֶערְפַאר הָאט זִי זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז זִי הָאט גֶערַאטֶעוֶועט גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל; זֶעט מֶען צוּ וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ טַייעֶרֶע תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵיגָא, פּוּרִים אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע

צַייט, פּוּרִים קֶען פּוֹעֵל'ן זֵייעֶר גְרוֹיסֶע זַאכְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עד): פּוּרִים אִיז אַ צַייט פוּן זִיךְ בַּאנֵייעֶן; וַוייל וֶוען מֶען אִיז פְּרֵיילִיךְ קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ פּוֹעֵל'ן זֵייעֶר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, זָאלְט אִיר פוּן יֶעצְט זַיין נָאר פְּרֵיילִיךְ; יֶעדֶע זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט אַייךְ, יֶעדֶע זַאךְ וָואס בַּאדֶערְט אַייךְ - זָאלְט אִיר דָאס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס מֶען קֶען פּוֹעֵל'ן דוּרְךְ תְּפִילָּה, תְּפִילָּה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק, עֶס דְרֵייְדְט אִיבֶּער דִי טֶבַע.

בְּנוֹגֵעַ זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְן וְכוּ'; מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ צוּ פַארְשְׁטֶעלְן נָאר מִיט אֵיידֶעלֶע אוּן שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער, פּוּרִים דַארְף מֶען וַוייטֶער זַיין צְנִיעוּת'דִיג, פּוּרִים אִיז דָא דֶער זֶעלְבֶּער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דִי זֶעלְבֶּע תּוֹרָה.

פּוּרִים דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע אַזוֹי וִוי אַ גַאנְץ יָאר.

אִיךְ ווּאוּנְטְשׁ אַייךְ אַ פְּרֵיילִיכְן לִיסְטִיגְן תָּמִיד.

...

### אַ פְּרָאבְּלֶעמַאטִישֶׁער שְׁוֶוער וָואס שְׁטֶערְט דִי שָׁלוֹם בַּיִת.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ז' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר הָאט אַ טֵייעֶרֶער מַאן נֵרוֹ יָאִיר, עֶר אִיז גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, זָארְגְטְס נִישְׁט וְכוּ'; עֶס אִיז דָא אֵיין פְּרָאבְּלֶעם, עֶר הָאט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּחַד פוּן זַיין טַאטֶע. עֶס אִיז נִישְׁט זַיין פְּרָאבְּלֶעם, עֶס אִיז זַיין טַאטֶע וָואס וַוארְפְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּחַד הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אִיךְ וֶועל רֶעדְן צוּ אִים, אִיךְ וֶועל אִים מַדְרִיךְ זַיין וִוי אַזוֹי עֶר זָאל זִיךְ אוֹיפְפִירְן; עֶס אִיז אַן הַייקֶעלֶער עִנְיָן, פוּן אֵיין זַייט דַארְף עֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי כָּבוֹד פוּן זַיין טַאטֶע'ן, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶענְט אִיר נִישְׁט לַיידְן דֶערְפוּן, אוּן אַז זַיין טַאטֶע הֶערְט נִישְׁט אוֹיף רֶעדְן צוּ אִים אַנְטְקֶעגְן אַייךְ דַארְף מֶען זֶען מִיט חָכְמָה וָואס מֶען טוּט דָא.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ אַייךְ אִיר זָאלְט אִים נָאר שְׁטַארְקְן; אִיר הָאט בַּאקוּמֶען אַן אוֹיסְנַאם מַאן, עֶר אִיז טֵייעֶר אוּן לִיכְטִיג, עֶר אִיז פָּשׁוּט דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען עֶסְט דָאס וְכוּ'; עֶר הָאט גֶעהֶערְט זֵייעֶר אַסַאךְ שִׁיעוּרִים אִין

יְשִׁיבָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, עֶר שְׁפִּירְט מַמָּשׁ פַּארְלוֹירְן וְכוּ׳; אִיךְ וֶועל אִים לֶערְנֶען פְּרִיוַואט ווי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן.

אִיר זָאלְט אִים נָאר הֵייבְּן אוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער; רֶעדְטְס נִישְׁט צוּ אִים אַנְטְקֶעגְן זַיין טַאטֶע, ווי נִישְׁט ווי דַארְפְט אִיר פַארְשְׁטֵיין אַז אַ טַאטֶע אִיז אַ טַאטֶע, עֶס אִיז נִישְׁט גוּט אִיר זָאלְט רֶעדְן דִירֶעקְט אַנְטְקֶעגְן זַיין טַאטֶע, עֶס וֶועט אִים וֵויי טוּן; אֲפִילוּ עֶר הָאט אַייךְ מֶער לִיבּ אוּן עֶר וִויל נָאר אַייךְ וְכוּ׳, דָאךְ אִיז אַ טַאטֶע אַ טַאטֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

...